STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08814

IN GERANGL

S. Nepom

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. נעפּאם

אין געראנגל

ציכנונגען פון י. דיינאַף

„פארלאג יוגנט"
טאראנטא, קאנאדע
1926

Copyright applied for by S. Nepom
Toronto, Canada

געדרוקט אין
די יונייטעד פרעס לימיטעד
400 ריטשמאנד סט. וועסט
טאראנטא, קאנאדע



ש. נעפאם

פון סקולפטאר י. דיינאף

באם אפענעם פענצטער

א מתנה אידא'ן

דארט וואו די ענדע קומט צום טיפן שווארצן ברעג,
דארט פאנגט זיך אן דער סוד דער אייביקער געפינען
עס פילט זיך אויס דער תהום, וואס ציט מיך אין זיין פאנג,
דער ניט געבוירענער טאג הויבט לאנגזאם אן זיך שפינען.

באם אפענעם פענצטער

דער לעצטער שטראל פון טאג — ער חלשט אויפן בארג,
די שטילקייט וועבט זיך איין אין גרענעצלאזע ספערן.
דאָס גאָלד פון גראז און בוים — עס וואלגערט זיך אין שטויב,
די וועלט אין מיטן שטייט פון שטארבן און פון ווערן.

די פרייד וואס האט פארצערט די שעה'ן פון דעם טאג,
זי קוועלט זיך שטילערהייט באם אפשייד אויף די וועגן.
דער פחד טראט בא טראט אין טונקעלעם איינגעהילט,
ער קומט און גריסט זיך מיר, און פאכט מיט קעלט אנטקעגן.

פארברעך איך מיינע הענט, באם פענצטער אנגעלענט,
עס שווייגט ארום די ערד, מיט איר די זיבן הימלען,
א פיינלאכער געפיל פון שטארבנדיקן טאג,
בא דיינע זוימען בלאס וועט מיין געמיט איצט דרעמלען.

איך קוק זיך אום : ס'איז שווארץ, ס'איז קיינער ארום מיר,
בלויז ספקות גרויע קומען, און קריינקען מיין נשמה,
דער טאג איז אזוי קורץ, די פרייד איז אזוי פלינק,
די אייביקייט איז טיף, מיט סודות שווארצע, שטומע.

מיין נאכטלאכער געשפענסט, ניט מאטער מיך, ניט שרעק,
איך גלויב ניט אין דיין וועלט, אין דיינע טונקלע ספערן,
דו קומסט נאר אויף א ווייל, צו שרעקן מיין געמיט,
דאך טונקלער וועט מיין זעל דורך דיין פארלאנג ניט ווערן.

דארט וואו די ענדע קומט צום טיפן שווארצן ברעג,
דארט פאנגט זיך אן דער סוד, דער אייביקער געפינען,
עס פילט זיך אוים דער תהום, וואס ציט מיך אין זיין פאנג,
דער ניט-געבוירענער טאג הויבט לאנגזאם אן זיך שפינען.

באַ מײַן טיר

ס׳איז פאַרבײַ געגאַנגען קרײַנקלאַך
מיט פאַרדעקטן קאָפּ מײַן טאָג.
מיט פאַרלײגטע הענט געזעסן איז מײַן שאָטן לעבן מיר.
האָב איך אַלײן געקוקט צום טיר.

װעט װער קומען, װעט װער ברענגען
אַ דערלײכטערונג פאַר מיר ?
האָט אַ בינטל גאָלד צעשאָטן
אַ פאַרבײַגײער, אַ בלײכער,
אַט אַזױ זיך באַ מײַן טיר.

ס׳האָבן פרײלאַכע מינוטן ס׳גאַנצע ביסל גאָלד פאַרשװוּענדט.
איז געװאָרן פּוסט בײַם טיר,
גײען טעג פאַרבײַ און יאָרן
אַלערלײ װי קרומע, גלײַכע אױך זיגזאַגישע און רױטע
גײען צו צו מײַנע שױבן, קלאַפּן, ציטערן און בלײַבן,
חלשן בײַם שװעל, בײַם טיר.
און מיר זיצן און מיר קוקן —
איך, מײַן שאָטן לעבן מיר.

באגינען

פון גרויען האט זיך אויסגעשפּינט דאס בלוי און וויאלעט,
און קוים באמערקבאר, א פּייערלביים האריזאנט
פון זיך איז רויט געווארן.
זינג איך מיין ליד, וואס איז אקארשט געבארן,—
מיין פלאמיק ליד אין דעם באגינען.
א לויב געזאנג צו ערד, צו לענדער און צו ימים,
צו שעפער און צו מוט.

אנטקעגן לויטערן באגינען, אויף גאלדענע שפּיזלאך,
שפּינט די צייט און שפּינט
דאס אייביק-צייג,
פון מענטש און בלוט און קאמף,
פון ווייטיק און פון פרייד,
פון געבארן און פארלארן.
און ערגעץ זיצט א פליג און קלערט:
"צו וואס די גאנצע מי ?
איין אייגנבליק—און איך בין מער ניטא".
איך זינג מיין ליד באגינען, זאל זיין איין שעה.

עס פירט אונז בלינדע

עס טרינקט זיך אין דער ווייטער לופט
א זיסער הארציקער טרעל.
עס קלאגט אין מיטן שווארצן ים
א קראנקע וועל.

עס שטארבט די רויטקייט אין ברייטן ארים
פון טונקלען האריזאנט.
דער שארפסטער גדאנק
צעברעכט זיך
אן דער סודות׳דיקער וואנט.

עס פירט אונז—בלינדע,
מיט אפענע אויגן,
דער צייטס הערָאלד אויף פייערדיקן פערד,
ביז מיר פארלירן
דעם באריר מיט הארטער ערד . . .

פארגעסן זיך

איך גיי אוועק פון רויש — ער האט מיך שוין דערעסן.
באם גלעזל וויין אין קעלער־ווינקל שטיל,
באם פיאנא־שפיל, דארט וויל איך זיך פארגעסן.
ביז ס׳וועט דאס ליכט און לייכטער זיך פארלעשן.

דער רויטער כוס — דאס פייער פון מיין לעבן,
באגייסטערונג, דערהויבונג, וואונדער־בלענד —
צו דיר, מיין כשוף, צי איך אוים די הענט.
מיט דיר אינייגעם וויל איך זיך פארוועבן.

דער גרויער קוק פון טאג, פון מענטש און מזל,
דאס זוכעניש פון אפגענארטן גליק,
דערהויבונג און דאס פאלן גיך צוריק,
דאס קלאפן זיך אין אייזן־קאלטע ווענט,
דאס בעטן זיך מיט ציטערדיקע הענט : —

איך גיי אוועק פון רויש—ער האט מיך שוין דערעסן.
באם גלעזל וויין—דארט וועל איך זיך פארגעסן.

ווייסע פייערן

ברענט העל, ברענט ווייס און בלאנק
די ווייסע פייערן, ארום די גערטנער אין די שטעט ;
די צלמים פון די קלויסטער־שפיצן פינקלען אין דער בלוי,
אין פייערלאך אויף בראנדיקע גלאווינעס
שטייט קעגן מענטשנס אורטייל—גאט.

איז דאס די יום־טוב פרייד צעוואקסן אויף יעדן פלויט?
איז דאס דער אנפאנג צי דער סוף
פון גאט און קרוין ?
די ווייסע פייערן האָבן ארומגעכאפט
די ערד און רוים,
פארברענען דעם לעצטן, שווארצן טראט.

ווארף איך אין ווייסן פלאם אריין
מיין נעכטן מיטן אויסגעטראכטן גליק,
שטייגט אויף פון ווייסקייט א נייער טאָג
מיט א ווייסן ריינעם גלויבן.

מיינע טריט

מיינע טריט פארזינקען אין דעם שאטן־וועג,
פארשליסן זיך די שלעסער הינטער מיר,
קלאפ איך זיך אין יענער לעצטער טיר,
ווי דער טאג דערברענט פון מיינע טעג.

איך בין דאך שוואך, און מיד אזוי ווי איר,
שפילט דער צווייפל אויפן ווינקל מויל,
כ׳האב דערפילט, אז אלץ ארום איז הויל—
קלאפ איך זיך שוין אין דער לעצטער טיר.

מיט די פינגער כאפ איך זיך אין בלויזער לופט
שטויסט דאס לעבן מיט א ווילד געלאך:
״זעט, איך בין דאך אזוי בלייך און שלאף.״
זיך אומזיסט צום העכסטן האב געפרואווט.

עס שליסן זיך די שלעסער הינטער מיר,
קלאפ איך זיך אין יענער לעצטער טיר.

איך גיי אליין

איך גיי אליין, בין ניט באמערקט פון קיינעם.
אנטקעגן בליט א וואונדערלאכער גארטן;
די פויגל זינגען אזוי היים און הארציק,
איך זוך ארום א שטילן ווינקל דארטן.

איך זוך ארום א ווינקל אין דעם שאטן,
וואו ס׳בליען בוימער שווייגנדיקע, פארקלערטע—
איך וויל אליין מיין ליד דארטן דערשפּינען,
דאס שטילע ליד, דאס טיפע, קוים געהערטע.

פארנאכט

פאלט פארנאכט צו שטיל, באשיידן,
צו די רויטע ראנדן,
ווייטע שיפן, קוים באמערקבאר,
איילן אונטער זיך
צו לאנדן.

ברענען שפיצן בערג אנטקעגן,
בראנדיק און דערהויבן,
פון דעם פעדעסטאל, דעם הויכן
קלעטערט מיד דער טאג און ציטערט,
אויף די אלטע וועגן.

ברעכט די זון די לעצטע פיילן,
ווי די קוילן רויטע.
בלוטן וואלקנס, שווערע, מידע,
ווייסע און פארגרויטע.

פאנצערט זיך דער דרום הימל
אין דעם גלאנץ פון קופער,
פינקלט זיין באזילבערט היטל
קעגן זון הערֲאיש.
פאלט צו זיינע פיס די נאכט צו,
מיט געבעט, אין טרויער.

אין גרויען אש

עס לעשט זיך אוים דער טאג אין גרויען אש,
עס פינקלט נאך ארוים א שוואכער פונק פון טאג,
דער אומעט שפּינט זיך אוים אויף גאסן,
שפּילט אוים זיין אנגסט,
דער פלייטער קוים געהערט,
באהאלטן פון דער וועלט,
אויף שווארצן פלייט
דורך מיין געמיט
א סודות-ליד
פארשלאסן.

צעציינדן זיך שויבן מיט אומעטיקן ליכט,
ווי שבת׳נאכט, מיט וואכעדיקן גרוי
און וועקן אויף פאר׳חלומ׳טע וויזיאנען.
גלימט נאך ערגעץ ווייט, אין גרויען אש,
ווי אין מיין הארץ, א פונק
וואס קען זיך נים פארלעשן.

זײַן

דײַן האַרפֿע װיל איך זײַן,
שטים־אָן די סטרונעס שאַרפֿע,
שפּיל אױס דאָס ערשט־געבױרענע ליד,
די רױטע בלום, װאָס ציטערט
אין דײַן שװאַרצגעלאָקטן קאָפּ,
ציטערט, װי מײַן האַרץ פֿון זײַן...

דײַן אָטעם גיסט זיך אױס
אין װײַטן בלױען עטער.
װײַל אַלץ װאָס װעט אַװעק, װעט זיך צוריק ניט קערן,
שפּיל אױס מיט דײַנע װײַסע ליליע פֿינגער,
צעגיסן װעט מײַן האַרץ
מײַן זינגענדיק האַרץ פֿאַר דיר,
דאָס ליד פֿון לעבנס נױט, פֿון לעבנס טרױער,
פֿון ליבע און פֿון זײַן.

מײַן שפּילערין, האַלט אױף,
אַ סטרונע האָט געפּלאַצט,
דער בעכער שטײט שױן לער
פֿון רױטן װײַן.
איצט פּאַכט אַרום דער טױט.

שאטנטאנץ

דער קארנעץ צאנקט, א האנט וועט באלד פארמעקן
דעם שאטנטאנץ אויף מיינע ווענט די גרויע,
און אפגעהאקטע ווערטער, קראנקע, רויע,
צעפאלן איינס נאך איינס, ווי שווארצע פלעקן.

כ׳האָב טיף אין זיך מיין טיפן סוד פארזיגלט,
מיין פרייד איז גרויס. ס׳וועט קיינער ניט דערגיין --
צו־וואס די פריינט און שונאים נאך דערפרייען ?
מיין שענסטן חלום האב איך לויז צעפליגלט.

איצט לאך איך זיך אליין אריין אין טרויער.
ס׳איז פיינלאך זיס, ווען ס׳ליידט דער געוויסן,
פארלעש זיך קארנעץ. קיינער זאל ניט וויסן,
וואס ס׳האט געטראפן אין א נאכט א גרויער.

דער שאטנטאנץ אויף מיינע ווענט די גרויע
מיט אפגעהאקטע ווערטער, קראנקע, רויע.

מיינע אוצרות

איך האָב אַזוי פיל פּערל,
איך האָב אַזוי פיל בלומען,
אָבער קיינער וויל ניט
נאָך די אוצרות קומען.

נעם איך מיינע אוצרות,
וואַרף זיי אויף די וועגן,
גייט פאַרביי עמיצער
שיינען זיי אַנטקעגן.

אָבער די פאַרזאָרגטע
האַלב שוין טויטע בליקן,
קאָנען זיך פון מיינע
אוצרות ניט אַנטציקן.

קומען קליינע קינדער
זייערע אויגן — פלאַמען
און די אוצרות מיינע
קלייבן זיי צוזאַמען.

מיסטעריע

ס׳האט די טיר ווער אויפגעעפנט,
זיך געזעצט אנטקעגן מיר,
און געשוויגן און געבלעטערט,
קנאקנדיק א ווייס פאפיר.

האב איך ווארט און ווארט געשליפן,
און געמאסטן און געציילט,
מיט מיין בלוט באצירט די שורות,
און קיין איינציק אות פארפעלט.

האט דער לאמפ זיך אויסגעלאשן,
האב איך ווייך געטאפט די ווענט,
האט דער פרעמדער מיך אומארעמט
מיט צוויי קאלטע פייכטע הענט.

האב איך זיך מיט אים געראנגלט,
מיט אן אויג ניט צוגעמאכט.
האט דער פרעמדער שטיל געשעפטשעט:
„כ׳בין דיין סוד, דיין שרעק פון נאכט״.

רויטע פאנטאנען

רויטע פאנטאנען האבן געשפריצט
אונטער דעם פייערדיקן רעגן.
ווייסע נשמות האבן זיך אומבארירבאר
געגליטשט איבער די שווארצע אפענע מיילער־ערד.

און ער, די פיס אונטער זיך פארדרייט,
האט זיך געשאקלט און געשאקלט,
אלע האבן אים ארומגעזוכט.
געפרעגט זיך בא די בלויע הימלען,
געפרעגט זיך בא די תהומות,
גערופן אין די ווייטע, ווייטע פעלדער.

און אויסגעשטארבן זיינען אלע ווערטער,
אויסגעשטארבן אלע וויסטע רייד,
פאנטאנען רויטע שפריצן נאך און שפריצן.

ער וואשט זיך יעדן טאג בא די פאנטאנען,
די פיס אונטער זיך פארדרייט
און שאקלט זיך איבער די וועלטן —
די קראנקע וועלטן —
די וועלטן, וועלכע גייען אונטער,
אונטער רויטע, שפריצנדיקע פאָנטאנען.

ראזעווע ראנדן

ראזעווע ראנדן האָבן געבלייכט
איבערן פערלמוטערנעם לייק ;
ווייסע פויגל האָבן זיך אין קרייז געדרייט.
זיי האָבן זיך אזוי געפרייט
מיטן בלוילאכן פארנאכט,
דער גרינער וואלד און טונקעלע שאָטנס
האָט זיך פארטראכט,
ווי אן אלטער טרוימער.

די זון האָט שטיל אין רויטן פלאם דערברענט
און איינגעהאלטן ווי א קראנקע מיידל,
אויפן בעט אין ווייסן העמד,
האָט זיך געלאָשן און געלאָשן.
אן איינזאמער האָט ערגעץ שטיל געוויינט
מיט א טיפן פיין פארשלאסן.

פארלארענע

בלויע אפגעהאקטע שטאמען,
זילבערוואסערן אינמיטן.
כ'האָב פארלארן מיינע סטעזשקעס,
כ'האָב פארלארן מיינע אוצרות, —
פון מיין זעלע
פון מיין העלע.
מאך א שיפעלע א קליינע.

קום און זעץ זיך מיט מיר, שיינע.
קום און זעץ זיך מיט מיר, קליינע.
פון פארלארנקייט און האָפנונג
וועלן מיר רודערן באנאנד.

ביז די ווייכע נאכט וועט קומען,
קומען מוז זי שווארץ צורייטן.
איבער אונז וועט זי צעשפרייטן
א געדיכטן סאמעט ברייטן,
אייביק דויערנדיקן שאטן.

אין דערוואַרטונג

א בלויע זומער נאַכט,
מיט מיליאַרדן אויגן,
דער הימל ברייט און טיף,
היינגט איבער ד'ערד פאַרצויגן.
די לופט איז אַזוי היים,
פאַרטרונקען אין פאַרפיומען,
און די נשמה בענקט —
זאל כאַטש עמיצער קומען.

אַליין ביים פענצטער מיד,
דעם קאָפּ אַרויסגעבויגן
עס זוכן אין דער נאַכט,
די גליענדיקע אויגן.
די ביימער פלאַטערן
ווי אומעטיק זיי זשומען
און מיין נשמה ציט —
זאל כאַטש עמיצער קומען.

איינזאם

אלע זיינען זיך צעגאנגען,
שאַטנס האָבן זיך פארקליבן.
איך אליין בלויז מיט די שרעקן
אין מיין צימער בין געבליבן.

שטיל ארום. די נאכט די טיפע —
ווייט פארוואָרפן אירע ברעגן.
ביז ווי לאנג ? ניטא בא וועמען
אין דער שטומער נאכט צו פרעגן.

כ׳וויל פארשליסן מיינע אויגן,
נור די שאטנס ברייט זיך שטרעקן.
מיין נשמה ווערט פארגליווערט
פון די שווארצע, בייזע שרעקן.

אויף אלע סטרונעס

שפּיל אויף אלע סטרונעס,
פרייד און צער און האס!
טאנץ אויף די שפּיצמעסער,
הארץ ביז משוגעת!

שטיקער בלוט פארגליווערט,
אויף דעם ברייטן שליאך.
נאכטהינט אויף די הויפן,
היטן צו די וואך.

זאג — וואס שווייגסטו, פידלער,
ווייז דיין ווילדע מאכט,
ליגט נאך וואו דער אוצר,
אין דער שרעקונגס-נאכט?

שפּיל אויף אלע סטרונעס
שפּיל ביז משוגעת.
טאנץ אויף די שפּיצמעסער
הארץ פון פרייד און האס.

דער שקלאפונגס-האמער

צופרידן בין איך ווידער אין מיין קאמער
די צווישן-נאכט איז מוטערלאך און צארט,
דעם גאנצן טאג האָב איך אויף איר געוואַרט
אוועקגעווארפן דעם שווערן שקלאפונגס-האמער.

א ניגון פייף איך מיר פון „טראוויאַטאַ",
צעלאז זיך אזוי ציטערדיק און ריין,
און עפּעס וועקט זיך אויף אין מיר געהיים,
פון צייטן לאנג פארשוואומענע און מאטע.

פארגעסן וויל איך אין דעם לויף פון יארן,
דעם רויש פון דרויסן לאז איך ניט אריין,
דערשטיקן וויל אין הארץ מיין טיפן פיין.
די האָר באהאלט וואס זיינען גרוי געוואָרן.

און שרעקנדיק אין ווינקל פון מיין קאמער,
קוקט אויף מיר דער שקלאפונגס-האמער.

אין גאלד און בראנז

אין גאלד און בראנז האָט זיך דער טאָג געצירט,
ווי רויטן וויין צעגאסן וואלט דער רוים.
דער נעבל־אויפגאנג איז ווי זילבער שוים
וואס שטעלט זיך אָפּ באַם ים־ברעג אומבארירט.

די מייפּל בלעטער אין פאנטאסטישן קאליר
געצונדן האָבן רויט ארום די לופט ;
דער וואלד האָט שוין מיט רויען הארבסט געדופט,
דער אומעט האָט געקלאפּט שוין אין מיין טיר.

עס האָט פארברענט ווער אין דעם רויטן שיין,
די שיינע שעה'ן, ווי בלעטער פון א בוך,
און איינגעהאלטן מיט א טיפן פּיין,
געשמייכלט גיפטיק אויפן גרוים פארלוסט.

וואס וועט שוין קיין מאָל צוריק די וועלט ניט זען
און ווי א חלום וועט שטילערהייט פארגיין.

פעלזן

א הארטער פעלז שטייט מיר אין וועג,
פון קלאפּן בלוטן מיינע הענט ;
א הארטער פעלז — מיין לעבן.
שרייט אויס, אזוי ווי אין מיטן ים
א שיף וואס האלט באם אונטערגיין —
מיין הארץ — פארצווייפלטע סיגנאלן.

איינטאניק גייען טעג נאך טעג,
ווי שאטנס נאך א טויטן וואגן,
צעשווארצט דאָס מויל דער קבר שטייט
אנטקעגן גרייט
מיך צו פארצוקן.

צעריבן ליגן אויפן וועג,
אזויפיל גלויבנס פולע טעג,
אונטערן מילשטיין פון שווערע יארן.

פון יעדן טאג טריפט נאך ארויס,
א טראפּן הייסע בלוט און פינקלט
דערקען איך יעדן טראפּן בלוט ;
זיי זיינען מיר דאָך אזוי אייגן,
עס האָט מיין הארץ פארלארן זיי,
פון גרויסן צער אויף אלע וועגן.

דער פאיאַץ

לאַמטערנעס בלייבן אויף די ראַגן,
די נאַכט זשאָנגלירט אַ זילבער טאַץ,
און אויף דעם העכסטן הימל־קראַצער,
מאַכט פרעכע קונצן דער פאַיאַץ.

דער רויש האָט זיך פון גאַס באַגראָבן,
פאַרשלאָסן פעסט איז יעדעס הויז.
עס קלעטערט איבער שוואַרצע דעכער
דער בלינדער שיקזאַל אין זיין גרויס.

מיליאָנען פאַרביקע חלומות —
זיי דופטן ווי די בלומען זיס.
און חלשן אויף קורצע שטעגן
אונטער דעם שיקזאַלס שווערע פיס.

אויפן העכסטן ריז, דעם הימל קראַצער,
לאַך, לאַך נאָך פרעכער, מיין פאַיאַץ!
דער שיקזאַל קלעטערט אויף די דעכער,
די נאַכט זשאָנגלירט אַ זילבער טאַץ.

צעריים

צעריים אין מיר דעם סוד,
וואס טראגט מיין בימערניש
און זאלן אלע מיך פארדאמען.

איך קאן מיט פוסטקייט ניט
פארטרינקען זיך ביז טויט,
אין איינגן קרייז מיין ווילן צאמען.

איך רוף דורך שווארצן פלאם
מיט אויפגעהוילטן בליק—
דאס שענדלאכע צו שענדן.

מיט ניכטערקייט אין ברוסט
פון אויסגעפרעסטער זנות,
א מאכטלאזער קאן איך זיך ניט פארבלענדן.

הייס קוש איך דיין סקעלעט,
א דורשטיקער, מיט שרעק איך זאל דיך ניט פארלירן,
און הייסער קושסטו מיינעם מיט א פאטאלן גלויבן.

דאך, ניכטערע, אין צווייען
דעם אינהאלט אויסגעלעבט,
זוכן מיר ארום די פוסטקייט צו באטויבן.

קאשמארנשפּיל

איך האָב מיין קאָפּ געפּרעסט מיטביידע הענט.
און מיר דאָס וואַכזאַמע האָב ניט געקענט פאַרוויגן;
מיין צונג האָט ווילד א וואָרט אזא געברענט.
די שקלאַפן־ליפּן האָבן שטום געשוויגן.

געוויגט האָט מיך דעם טייפלס שוואַרצע וויג.
פאַר׳שכור׳ט אין תאוה־פאַרגעניגן ;
דער דעמאָן האָט געפּייערט ווילד זיין זיג.
די שקלאַפן־ליפּן האָבן שטום געשוויגן.

די צייט האָט, ווי דער בראָוזנדיקער ים,
פאַרשלונגען מיך און מיט כעס אַרויסגעשפּיגן.
מיין אויפרעגונג — פאַרצערט אין אייגענעם פלאַם.
די שקלאַפן־ליפּן האָבן שטום געשוויגן.

און האָב איך זיך ביזן קאַלטן סוף דערשפּילט.
דעם אייגענעם „איך״, האָב ניט געקענט באַזיגן ; —
דער קאשמאַרנשפּיל האָט איבער מיר געשפּילט.
די שקלאַפן־ליפּן האָבן שטום געשוויגן.

די אייביקייט

ווייסע און מארמארנע טרעפ.
פייערלאך רויטלען די שויבן,
דעמבעס אומרינגלען דעם שלאס,
שטערנדלאך פינקלען פון אויבן.

שאטנס געדיכטע און שווארץ
ציען זיך איבער די וועגן,
וועלדער פארצווייגטע און גרוי
היטן די שליאכן און שטעגן.

קלאפט ווער אין טיר פון דעם שלאס,
רואיקע שטייען די ביימער,
עפנט זיך לאנגזאם די טיר,
ברייט און מען זעט ניט קיין שומר.

קומט נאר אין שלאס ווער אריין—
וויל עפעס זען, פארשטיין,
פארריגלט זיך פלוצלונג די טיר—
צוריק איז אוממעגלאך צו גיין...

נאכט זעאונג

נאכט און שווארצע מויערן,
מיט פייערלאך א סך ;
שטרענג איך אָן די אויערן :
איך הער ניט קיין שום זאך.

גאסן איינגעשלאָפענע,
פון קיינעם ניט געהיט ;
שאטנס ניט גערופענע,
זיך לייגן אין דער מיט

גייסטער האלב געבויגענע,
זיך שארן בא די ווענט ;
מיט הערצער אויסגעזויגענע,
די ליפּן פעסט פארקלעמט.

זיפצן האלב דערווארגענע,
צום מארגן איז נאך ווייט ;
וואס זוכן די פארבארגענע,
די אפּער פון דער צייט?

דער צוועק

דער מאָרגן קומט און פרישט מיך אָפּ,
די נאַכט איז שטילערהייט אוועק,
געזוכט, געדיינקט אַלץ פון דעם צוועק,
פאַרמאַטערט בלויז מיין שוואַכן קאָפּ.

געבלעטערט ביכער שעה׳׳ן לאַנג,
געזוכט, גענישטערט און געפרעגט,
די בענדער אין דעם שראַנק געלייגט,
נאָר ניט געשטילט האָב מיין פאַרלאַנג.

און פּלוצלונג ציטערן אויף די ווענט,
אין גאָלדיק דינעם שפּיזן בונד,
די שטראַלן אַזוי שיין און רונד,
עס האָט די שפּיל מיין אויג פאַרבלענדט.

די שפּיל, זי טראָגט מיך ווייט אוועק,
נאָר איין געפיל מיך לאָזט ניט אָפּ,
דאָס אויג ווערט זאַט און גרינג דער קאָפּ,
די שפּיל, די שפּיל — דאָס איז דער צוועק.

וואַרטנדיק

מיר זיינען אַלע קראַנקע און צובראָכן,
דער וועלט שטורם—האָט אונז ווייט פאַרטראָגן.
נו, זיצן מיר אין נאַכט אַריין און קלאָגן,
אויף פאַרמעט און אויף שאַרבנס און אויף קנאָכן.

מיר זיצן, און מיר וואַרטן, און מיר קוקן,
פון וואַנען וועט אַ גרויסע האַנט זיך שטרעקן?
די אויגן אויפגעריסענע פון שרעקן,
און מיד — דער קערפּער איז זיך שוין פון בוקן.

איז גרעסער נאָך דער וואַנזין דאָ געוואָרן
און דורכגעפּילט מיט בלוטיק־רויטע קוואַלן.
רעוועון מיר ווי נאַכטיקע שאַקאַלן,
אויף וועלט און צער, קרבנות און אויף יאָרן.

עס גייען וועלטן אונזיניקע פאַרלאָרן,
ווערן אָבער אַנדערע געבאָרן . . .

אין מיינע אייגענע פייערן

אין מיינע אייגענע פייערן
האב איך מיינע קראנקע נעכט אויסגעגליט.
אויף פארלארענע וועגן
מיינע אומעטיקע עכאס
פון אויפלייזונג פארנומען,
און צוריק די שטיקער פון מיין נשמה-פיין
אין די פייערן געווארפן.
מיטן גאנצן צער פון מיינע חושים
האָב איך מיין ניכטערקייט
צו קבורה געפירט.
א רויטער גליענדיקער פלאם,
האט אלע מיינע פינצטערקייטן פארצערט
אין דעם העלישן עקסטאז.
האב איך זיך א הויב געטאן
אריבער אלע נידעריקייטן,
און אין דעם שטויב פון אלע מיינע נעכטנס,
האב איך דערפילט די לערקייט.
אין מיינע אייגענע פייערן האב איך אויסגעגליט
די נעכטנס.
זיך אפגערוקט האבן די הימלען,
און אויף שטיקער איז צעפאלן מיין ערד.
און צווישן די העלע פייערן,
איז מיין איך ארוים
א הייליקער, א געלייטערטער.

די צווייג

איך בין די צווייג פון שווארצן שטאם,
וואס בויגט זיך ציטערדיק פון ווינט,
באם טונקעלן ברעג, באם רויש פון ים,
צעגלאצט די אויגן ווי א קינד.

איך האָף און האָף,
און ווארט און ווארט
אויף יענעם טאג,
אויף יענער נאכט,
ווען ס'וועט דער ים
אין זיין געיעג,
א ווארף טאן ווילד זיך
צו דעם ברעג.

קום שטורמווינט מיט ווילדן פלאם,
און רייסט מיך אויס פון שווארצן שטאם,
און טראג אוועק מיך מיטן ברויז,
וואו יעדער מילב ווערט פעלזיק גרויס.

אמת

צעעפנט ליגט דאס בוך פאר מיר,
דאס בוך פון אייביקייט און צייטן,
און ס'דוכט זיך מיר,
אז איך בין עלטער נאך פון זיי ;
איך בין דער געדאנק פון זיין.

קוק איך טיף אין בוך אריין,
זע איך דעם שפיל
פון ליכט אין שאטן ;
אונטער דער צייטס
גרויזאמע טריט
ליגן פאלשקייטן פארשאטן.

דער אמת וואקסט אריבער אלעם —
א פאלמע הויך און פריש אין גרינען,
און די וואס דורשטן,
מיט מידע טריט,
קומען בוקן זיך און דינען.

אין קנויל פון גאט און מענטש און ערד,
פארצויגן מיט א גלויבנס-הימל,
די גאטהייט טייטשט זיך יעדער אויס
נאך די אייגענע פראפיטן.

מיין גאט איז אמת,
בלויז דער געדאנק,
ריין און קלאר, וואס האט קיין פלעקן,
צו אים ציט זיך מיין מידע זעל,
צו אים זיך מיינע הענט נאר שטרעקן.

דאָרן קראַנץ

אפט מעסטו אן דיין דארן קראנץ אויף מיר
באהאלטן שלים איך איין דעם ווייטיק אין מיין הארץ.

דארן קראנץ

אפט מעסטו אן דיין דארן קראנץ אויף מיר.
באהאלטן שלים איך איין דעם ווייטיק אין מיין לייב.
אנטקעגן שטייט דיין דורכגעבלענדטער שאטן,
מיט פרומען בליק,
און שעפטשעט קוים.
איך פריי זיך מיט דיין גליק:
דו ווערסט געלייטערט.
און פעלז אויף פעלז,
און שטיין אויף שטיין,
דערהויבן זיך און קוקן אויף מיין בראך,
און בלייבן אייביק גרוי און אייביק קאלט.

נור ערגעץ ווייט, א טראפן בלוט
האט זיך פארלארן פון מיין בלוט
אנטקעגן אויפגאנג, אנטקעגן אונטערגאנג,
און האט זיך רויט צעציטערט.
געציטערט אין מיין לעבן, געציטערט פאר מיין טויט.
געשטאנען און געהיט האסטו מיין טראפן בלוט,
געשעפטשעט שטיל,
ס'האט בלויז דאס זאמד דאס געלע דיך געהערט ;
דער טראפן בלוט, דער טראפן בלוט
איז הייליק.

קיינמאל ניט

אוועקגיין איינער אליין,
מיט איינגעהאלטענעם טרויער, איינער אליין.
און שטום פארשלאסן אונטער פעסטע טירן אין זיך,
באלייטן מיך וועט קיינער דאך ניט גיין ;
צופעליק אפשר אין טונקלער נאכט, א קראנקער שטערן.
מיינע טריט וועט קיינער ניט דערהערן.

אבער ווי שטארק איך האָב געגארט,
וועט קיינער דאך ניט וויסן.
פילייכט דאס קליינע העפט,
צי אפשר די פארדארטע בלום אין בוך,
און אפשר קיינער ניט ? ס'איז בעסער.
פארזיגלט גאנץ וועט זיין מיין דראנג
אונטער די גאלדענע שלעסער.

וועט קומען א פרימארגן, ווי א מיידל ווילד,
און ברייגנען פון דעם מארק אין קוישל
פרוכטן, לאנג געוואונטשטע, פארלאנגען ניט דערגרייכטע ;
אנטבלויזן וועלן זיך מיינע חלומות,
חלומות רויט ווי זשאר, און הייסער פון מיין בלוט . . .
און אפשר קיין מאל ניט ?
ס'איז בעסער.
אזוי איז אויך דאך גוט.

מיריאמא

אויף מיין געלעגער. מיט ווייסן ערלאכן פרימארגן
פארשפרייט דאס ווייס־געבעטע בעט,
מיט אייגענע חלומות, און אייגענע פארלאנגען,
געמיטלאך צו דער גאנצער וועלט.
האט בלויז איין ווארט מיך אזוי ווייט פארפירט—
מ י ר י אַ מ אַ דיין וואונדערלאכער נאמען !

דער סקולפטאר האט אין קאלטן מארמאר
זיין ליריש ליד אין צויבער אויסגעזונגען,
זיין אייגן הײם בלוט אין יעדן אדער־שטריך ארײנגעגאסן,
אין זיין נשמה אין שטיין ארײנגעבלאזן
צעפיסן פון דער וואונדערלאכער פרוי
געלעגן איז אין שטויב דער קינסטלער
פארגלאצט די אויגן, און ווי אן ארימאן געבעטן :
„מיריאמא, קער מיר צוריק די רעגונג,
גיב מיר צוריק מיין גייסט און בלוט".
מ י ר י אַ מ אַ ! האָט מיך א צי געטאן א געהיימע קראפט
נאר מיט א גיפטיק שמייכל און פייערדיקן בליק
געשעפטשעט האָט מיריאמא :
„קיין מאל ניט צוריק, קיין מאל ניט צוריק . . ."

טאג

יעדן אינדערפרי
שפילט ער אונטער מיין פענצטער
דאָס ליד פון לעבן.
ווי שווארצע פויגלען צעפליען זיך מיינע געדאנקען פונ׳ם טויט.
איך שטעל זיך ווידער פעסט אנטקעגן דער וועלט.
צי אויס, א ריז, די הענט
צום הויכן בוים,
וואו ס׳וואקסן די שיינע גליקלאכע מינוטן
אין די הערצער פון די רויטע עפּל פּרוכט.
ריים איך אָפּ אן עפּל,
ביים איך זיך איין —
שפּריצט א סם ארויף אויף מיינע ליפּן
און פאר׳סם׳ט מיין הארץ...
און פאר מיין פענצטער
קלינגט אזוי וואונדערלאך
דאָס אייביקע ליד פון לעבן.

פאר דיר

פאר דיר, דורך שווארצע נעכט,
די שעה'ן ניט געציילט,
און פלייסיק ווי דער שטראם.

פאר דיר מיין פולע פרייד,
מיין ארבעטספולע מי,
מיין ווילנספולע מאכט.

און ווייל איך ברען אזוי,
און קוש דיין יעדן טראט,
מיין גוטסקייט בא דיין זוים —

פארצערסטו מיך אין זיך,
צעטרעטסטו מיינע נעכט,
און לאזט בלויז איבער אש.

נו, זאל זיין ווי דו ווילסט,
פויך אוים ווי דיר געפעלט,
פון מיינע שווארצע נעכט.

טרינק אויס, פאר דיין געזונט,
דעם זיסן, פעטן זאפט,
דעם נעקטאר פון מיין מי.

פארשארט אין גרויען אש,
וועט וואלגערן זיך שטום
מיין בייניקער סקעלעט.

דאך, קלינגען וועט ארום
דיין פלאמיקן מזבח
מיין ברענענדיק ליד.

מיין ליד, מיין מי, מיין זאפט,
פאר דיר, דורך שווארצע נעכט
און שעה'ן ניט געציילט.

אין א נאכט אזא

און האב איך אייך דערקאנט אין שיין פון רויטע ליכט,
פארבלאסטן כעס, און בים פון אייערע ליפן,
גרינער סם דורך שווארצן בליק,
און שטומער צוזאג פון פלאמיקער נקמה.

כ׳האב נאר געוואלט דערגיין
ווער האט דאס אייך רעגירט אין יענער נאכט.
פיליכט דער זיסער שמייכל,
פון איר,
וואס כ׳בין איר אויסדערוויילטער,
פון איר וואס האט מיט הארציק-זיסן ווארט
פארשפראכן מיר,
אזוי פיל גייסטיק-ווייסן שימער.

צו אפשר גאר מיין איינגעהאלטענער בליק,
מיין אמת׳ע ריינע ליבשאפט
מיט אפענעם הארץ,
צו יעדן אזוי פרייגיביק און ווירדיק.
דאך האב איך אייך דערקאנט.
און ס׳טוט מיר אזוי ווי
פאר אייך פארפירטע
פון פינצטערן אינסטינקטן,
און קליינלאכע ווי מילבן.

געאנקערט

ס׳האָט מיין לעבן צו א פעלז ווער צוגעאנקערט,
מיך אליין אין מיטן ים געלאזט.
טראגן כוואליעס מיך אויף זייערע גרויע רוקנס,
און ווארפן מיך גאנץ אפט אראפ צום גרונט.

לאזט דאס לעבן ווייט מיך ניט פארשוואומען,
ציט דאס מיך צוריק צום גרויען פעלז.
און די כוואליעס לאכן אפ און שפעטן;
ראנגל איך זיך מיט לעבנס שטארקע קייטן.

קלעטער איך מיט אנגסט אויף הויכן גרויען פעלז,
לויפן ווינטן אן פון אלע זייטן.
צעהוליען זיך און קאכן אויף מיט שרעק,
שליידערן צוריק מיך אויף די כוואליעס,
רייסן מיך פון לעבנס רו אוועק.

ס׳האָט מיין לעבן צו א פעלז ווער צוגעאנקערט,
און מיך אין מיטן ים געלאזט אליין . . .

איך און די וועלט

מוטיק הויב איך אויף מיין קאפּ—
איך און וועלט, וועלט און איך,
מיר זיינען איינס.

דער איינס וואס האט קיין אנפאנג
און קיין ענדע ניט.

א צעפּיינינקטער צי איך זיך אויס
אנטקעגן חלל, און איך שווים אוועק
צוזאמען מיט דער ערד,
ארום דער אייביקער אָרביטע,
איך וויין פון זיך ארויס דעם וועלט-עלנט,
די ביינקשאפט פון די וויסטע לעבנס,
מיין קראנקע ליבע.

נאר מאנכעס מאל טו איך זיך אזא הויב,
פארריים מיין קאפּ,
טו א געשריי פון וועלט צו וועלט :
איך בין אויך א פּלאנעטע,
איך שיין און באציר מיין וועלט,
כ'טראג דער פינצטערקייט דעם סוד פון ליכט
איך בין דער מענטש !

פארזיסטע ביטערקייט

מיט רויטן בארדיור איז דער האריזאנט באשלאגן.
די ווייטע שטילקייט ציט אויס אירע ווייסע הענט.
איך בין היינט גרינגער פון דער זילבער לופט,
איך בין היינט גרינגער פון מיין געמיט.
פון הימל בערג אראפ
גיסן גאלדענע טייכן.
גאלדענע טייכן
גיסן פון די בערג אראפ.
מיט מיין געדאנק
שפאן איך אריבער
דעם רויש פון שטאט,
דעם עקל פון די קליינינקע נשמות,
דעם ווײַרויך פון די גאלדענע אפגעטער,
און פון מיינע קריטיקער...
דאס לאנד האב איך דערגרייכט —
די אילוזיע פון גאר נים.
א ציניקער וועט לעזן
א פאר שורות פון דעם ליד—
פארדרייען מיטן נאז:
וואס האט ער דא געזאגט ?
מיט מיין געדאנק שפאן איך אייך
אלעמען אריבער.

צעבראכן

צעבראכן האָסטו א זעלטענעם גראפין,
וואס שימערירן פלעגט
אין קריסטאלן צויבער־ליכט
אנטקעגן ווייטער הויכקייט.

ניט זעלטן פלעגן זיך
אין ווינקל פון גראפין פארבינדן אלע קאלירן;
קאלירן פון מיינעם — אויך פון דיין לעבן,
פארגאפטע פלעגן מיר קוקן שעה'ן לאנג
אויף דעם רייכן שפיל.

ניט זעלטן פלעגן מיר פאר'שכור'ן די שעה'ן
מיטן איידלען־טראנק פון דעם גראפין.

און איצט . . . . .

שערבלאך ליגן אויף דער ערד,
אזוי ווי מיין צעבראכן הארץ אנטקעגן דיר.
צעבראכן האָסטו א זעלטענעם גראפין
פון וואס וועלן מיר אנטציקן זיך,
פון וואס וועלן מיר איצט ציען אונזער לעבן ?

פאראכטונג

דיין פרווילאך ווארט גיסט העליש אפּ מיין לייב,
טרינקסט אַן מיין בלוט מיט פלאמיקן געטראנק ;
מיינע פינגער זינגען אויס דאָס ציטערדיקע ליד
פון שטומען פיין.

ווען כ׳ריר זיך צו צום קאלטן מארמאָר-לייב,
פארלארן דריק זיך צו צו דיינע שטייפע בריסט
און טרינק פון דיינע ליפּן אויס דעם סם, דעם זיסן.—

צעעפנען די הימלען די בלויע פענצטער קעגן מיר,
און איך דערזע, וואס ס׳האט קיין אויג געזען,
און דערפיל, וואס ס׳האט קיין הארץ געפילט.

איך פאל צוריק אריין אין פיבער פון מיין האס,
וואס איך האָב פארלאנגט האָב איך דערגרייכט.
כ׳האב אויסגעזויגן דעם וויינטרויבנס זיסן זאפט פון דיר.

איצט גיי. איך דארף דיך שוין ניט מער.
און דו פארבויגסט דיין קאָפּ,
דיין שפּיזיק ווארט פאלט אויף מיין גאליק הארץ,
פון אלע ווינקלען פון מיין צימער קוקן דיינע בליקן
מיט ברענענדער פאראכטונג,
און מיט שטומען פיין.

פון וואנען און וואוהין?

פון אלע זייטן האט זיך דער טאג צעשפילט.
די בלויע בערג מיט בארג-לופט האבן געאטעמט.
די גרינע נאדל-ביימער האבן די קעפ געשטרעקט
צו דער לאזור מיט שטאלץ.
און קיינער האט גאר ניט געוואוסט
אויף וועמעס האלז
די קאסע האט דער טויט געמאסטן.
און וועמעס אויגן צום לעצטן האבן געזען,
און וועמעס האנט וועט זיך צוריק ניט הויבן.
ארום האט בלויז דאס שטארקע לעבן
געשלאגן מיט זיין אייביק פעסטן פולס.

דאך האט זיך ערגעץ
באהאלטן, אומבאשטימט,
א שווארצער שאטן. געשפרייט פון טאל זיין טרויער ;
דער גרעבער האט א קבר וואו געגראבן;
א מצבה-שלעגער האט בוכשטאבן געשניטן,
און אויף א נאקעט-ביינערדיקן פערד-רוקן
א סקעלעט האט שמייכלענדיק געריטן.
זיצן זקנים, שאקלען זיך איבער דעם פארמעט,
אהער, אהין, ווי די פארבלאנדזשעטע שיפן,
די אויגן אויסגעלאשן—און זוכן אלץ דעם "זין"—
און פרעגן, און אייביק פרעגן: פון וואנען און וואוהין?

איר לעצטער מארגן

(עני׳ן)

דער לעצטער שטערן לעשט זיך אויס,
באגינען ברעכט זיך שטיל אריין,
די נאכט שטארבט אפּ אין שאטן־קרייז,
די וועלט דערוואכט מיט טיפן פּיין.

צוקרייט א האן זיך ערגעץ וואו,
און איך זיין נאך בא איר בעט.
״מיין לעצטער מארגן״—איך הער זי רעדט—
״די זון גייט אויף, מיין לעצטע זון״.....

״מיין לעצטע זון. דעם הימלס ליכט
זי שיינט מיר אזוי ליב און שיין,
באשערט איז זי מיר נאך איינמאל,
איינמאל, און קיינמאל מער ניט זען!״

ארום איז שטיל, און שטיל צערייסט
די פעדים וועך פון לעבנס־באנד;
און דארטן ביים געהיימען ראנד
איז עפּעס דא—ווער ווייסט, ווער ווייסט?״

דאָס הארץ עס שרעקט זיך און אנטלויפט
זי עפנט אויף די אויגן ברייט.
״אזוי פיל פויגלען דא פארביי״
זי הער איך שעפּטשען שטילערהייט.

״וואס טוסטו דא?״ פרעגט זי בא מיר,
און ברעכט אויס אין א ווילד געוויין.
״ניט שרעק זיך״ — גלעט איך אירע האר,
דאך פּלאצט מיין הארץ שיער ניט אויף צוויי׳ן.

זי ליגט און צאנקט, א געלע ליכט—
און שטילער, שטילער קלאפּט איר הארץ....
עס לעשט זיך אויס דער לעבנס פונק,
ארום ווערט שטיל, און טויט און שווארץ.

זעפיר שוועבט אום אין מארגן גלאנץ,
די העלע זון האט זיך צעלאכט.
פארלאשן האט א לעבן זיך,
האָט אפשר ווער א שפּאס געמאכט? . . .

פארהוליעט האבן מיר א גרויסן טאג

פארהוליעט האָבן מיר א גרויסן טאָג,
די נאכט האָט זיך געזעצט. —
מיט שווארצע זעק אלע קעפ פארדעקט.
און זי'— די נאכט — וויינט.

האָט א שטומע בענקשאפט מיך פארצויגן,
נאָך א ווילדער ליבע,
נאך א ווילדן, רוישיקן טאנץ.
א בענקשאפט צום סוף פון א גרויסן טאָג...

אין מוח קריכן שווארצע שלאנגען.
עס קלינגען אין די אויערן די טאָגיקע שווערע רייד.
שפילט ווער אויף מיין נאקעט הארץ
מיט שארפע שפיזלאך . . .

שטיי איך אינמיטן נאכט
און טרינק זיך
אין די שווארצע שעה׳ן.

דער לעצטער גאסט

װעמעס טירן, װעמעס שלעסער,
װער איז שענער, װער איז בעסער ? —
קלאפּט ער זיך אין מיטן טאג,
קלאפּט ער זיך אין מיטן נאכט.

זאָל נאָר מערקן װער זײַן שאַרבן—
קאָן פון בײזן פּחד שטאַרבן,
גרױל און קעלט, דאָס שטאָל פון שײד,
גער פּאַרפּױלט זײַן מתים־קלײד.

שטײען אױף אַלע ניט געשלאָפן,
טומלען זיך — װאָס האָט געטראָפן ?
װען געטראָפן, און װי אַזױ ?
טרײסלט זיך אַ שאָטן גרױ.

צינדט אָן ליכט און פּרואװט די שלעסער,
קײנער—ערגער, קײנער—בעסער,
האָט אַ שלאָס צובראָכן װער,
האָט אַ האַרץ פאַרװאונדעט שװער.

קומט ער הײַנט ניט, קומט ער מאָרגן,
ס'איז דער שװאַרצער טאָג פאַרבאָרגן.
ברעכט ער אױף אַ יעדן שלאָס,
און טרינקט אױס דעם לעצטן כּוס.

קאַרטן שפּילער

איך האָב נאָך א טאָג פאַרשפּילט צום קאָרטן שפּילער.
די בעסטע שעה׳ן פריי אוועקגעגעבן,
געשטעלט אין קאָן מיין אויסגעמאַטערט לעבן,
און מיין האַס איז ניט געוואָרן שטילער.

צעפּייניקט קראַנק פון ווילדע טאָג פאַרלאַנגען
געצאַלט מיט בלוט פאַר פרעמדן גאַלאָפּירן ;
מיין האַרץ געוואָרפן צו אַלע שדמ׳ס טירן,
און הונדערט מאָל פון צווייפל אויסגעגאַנגען.

איצט רופט די נאַכט מיט רויטע זונה-בליקן.
זי זאָגט מיר צו פאַרטויבונגס-פאַרגעניגן,
פאַר קופּער-געלט מיין אומצוטרוי פאַרוויגן
און מיין האַס אין תאווה-נעכט דערשטיקן.

נאָר ניין, עס קאָן מיין האַס ניט ווערן שטילער —
צו מיין פאַרהאַסטן ווילדן קאַרטן שפּילער.

נאָוועמבער

צופוסן ליגט דאָס שענסטע בא די שטאַמען
צעריסן האָט דער ווינט דאָס אַטלעס קלייד.
צעטומלט שפּרינגען ווילד צום ברעג די שטראָמען,
עס ציט זיך שווארץ די שווערע וואָלקן-קייט.

דער רעגן גיסט מיט קללת, שווארצע ווערטער,
די אנגעשטריינקטע פיס זיי ווערן שוואַך.
פון ערגעץ שוועבט א צינישער געלעכטער,
דער וועג איז ווייט פון רו, און שיצונגס-דאך.

אין מיטן וועג עס ווילט זיך מיר ניט פאלן
ווען מיין שליחות האָב ניט אויסגעפירט
פון ווייטן ליגן גאָלדענע פּאָרטאַלן
וואָס מאַניעט, רייצט, און צויבערלאַך פאַרפירט.

איך טראָג מיין אוצר פאַרזיכטיק באַהאַלטן,
דורך רעגן, ווינטן, הימל׳ס וואָלקען-קייט.
ווער האָט דאָס מיינע טעג און נעכט פאַרשאַלטן,
ווער האָט מיין וועג מיט צווייפלען אויסגעשפּרייט ?

*
* *

דער קאפּ איז גרוי,
דאס בלוט איז רויט—
וואס איז טויט ?

די ערד זיך שווארצט,
דער הימל ווייסט,
וואס איז גייסט ?

און אז דו ווייסט,
איז דען א טרייסט,
וואס איז גליק ?

ווען ס'ווערט דיר וויסט
דיין זיין צו נישט—
וואו ליגט דער בריק ?

נאכט גרויל

ס׳האָט די נאכט מיינע שוועלן באטראָטן ניט לאנג,
איז געשטאָרבן דער רויש אין איר קלייד,
געוויגט האָט זיך פויל אין מיין הארץ א פארלאנג ;
איז פארבלוטיקט געלעגן מיין פרייד.

האָט געוויקלט די שווארצקייט ארום און ארום
מיין האלז איר פאר׳כשופ׳טן שטריק,
איז געזעסן געבויגן די נאכט אזוי פרום,
מיט פיין אין איר פינצטערן בליק.

האָט געטאפט אין דער פינצטער מיין ביינינקע האנט
און אויסוועג געזוכט פון דעם גרויל.
איז צעטומלט געוואָרן מיין קלארער פארשטאנד,
און שטום איז געוואָרן מיין מויל.

איז די נאכט צוגעפאלן צו מיין קראנקלאכער ברוסט
און האט מיך מיט סאמעט געגלעט.
האָט גרויל מיך געשטאכן מיט שפיזיקער לוסט
און האט זיך געוויגט בא מיין בעט.

אין די טיפסטע אפגרונטן

א פארוואונדערט קינד, מיט אויגן ווייס-צעגלאָצטע,
פון א קאשמאר פלצולונג אויפגעוועקט.
דער דומפער קראך, דער פאל פון גרויע פעלזן ;
דער ווידערקול פון שווארצע טיפע תהומ׳ן,
דורך לאנגער נאכט וואס כ׳האָב אקארשט געהערט.

מיט אפענע וואונדן אומקרייזט פון קראקאדילן.
מיין דופטיק לייב, מיין רויט פאנטאנען בלוט :
פאנטאמען בליען קעגן מיינע אויגן.
מיין מענטשלאך בלוט—זאג, ווער האט ניט געזויגן?

און ווען איניינעם, ווי פון בליי געגאסן,
די ערד און הימל אין פרילינגס-פאר פארשייט,
און ווערים, ווערים, פרוכפערן זיך, מערן—
אין דאמף באנייט זיך יעדעם מאל.

עס שטייגט אויף די פרייד פארכליונעט אזוי דורשטיק
אין קראנקער ברוסט פון רגע-לעבנס וואונטש;
די גאנצע אייביקייט היינגט בלויז אויף דינעם פאדים.
פאר א פארוואונדערט בליק,
רייסט זיך אפ, פאלט צום טיפן אפגרונט,
און שטייגט צוריק דורך קיינעמס ווילן.

דער פארלוסט

איך האב געוואָרט, אויפֿן רויש פֿון דיין זייד אין מיטן טאָג.
קענגן שפּיל פֿון געפֿלעכטס פֿון דעם בלוי אין דעם ווייס,
ניט געטראַכט, אויסגעהוילט מיט דער פּוסטקייט אין זיך,
בלויז אַ ציטער, אַ פֿונק, אַ פֿלאַמיקע פֿליג,
האָט איר פֿלאַטער באַהאַלטן
אין מיין אינערלאַכקייט.

האָסט דערפֿילט פֿון דער ווייט מיין אומרואיקן בליק
אינגעאייל אויף די פֿעלדער דיין בלויען וואָאַל
פֿאַנאַנדערגעשפּרייט,
דיינע גאָלדענע לאָקן אויף ביימער צעהאָנגען,
דיינע שמייכלען צעשאָטן אויף רויט-גליענדן מאָן.
דיינע טריט אין די זילבערנע סטעזשקעס פֿאַרלאָרן,
און דיין האַרץ די ווייסע שעפֿעלאַך
פֿאַנאַנדערגעטיילט.

מיט דיין בלוט די קרישטאָלענע גלעזער פֿאַרפֿולט,
די שניטער האַרעפּאַשניקעס פֿאַר אָן אַנדיינק געלאָזט.

כ׳בין געזעסן, געוואָרט, קעגן שפּיל פֿון געפֿלעכטס,
כ׳האָב דיין טראָט ניט געפֿילט, אויך דיין רויש ניט געהערט,
איז די פּוסטקייט געוואָרן אַזוי גרויס אַרום מיר,
קאַלטע שנייאיקע הענט, מיט אַן אָטעם פֿון פֿראָסט
האָבן געקלאַמערט, געגלעט און געפּרעסט
אַ שרעק איז באַפֿאַלן מיין אינערלאַכקייט.
כ׳האָב דיך דערפֿילט —
ביסט געווען לעבן מיר,
קאַלטע באַקן מיט גריבער,
מיין לעבן, מיין וועלט,
בלאָזט מיט קעלט.
כ׳האָב געוויינט שטילערהייט אויף מיין גרעסטן פֿאַרלוסט.

מײַן אומרו

האָט ווידער ווער באַרירט די קראַנקע סטרונעס,
מײַן אומרו האָט זיך פּלוצלונג אױפֿגעכאַפּט,
װען האַרבסט האָט זיך אין טויטער טיר געקלאַפּט
און מיט געװײן מײַן האַרץ אַרומגענומען.

און װידער װי אין אַ פֿאַרשפּיל הױך צעקלונגען
אין שדים־טאַנץ, אין מיטן גרױער נאַכט,
די װינטן האָבן חוצפּה׳דיק געלאַכט.
מײַן האַרץ איז אין קאָנװולסיע געשפּרונגען.

האָט װידער די זאָװיעסע הױך געסקריפּעט,
דעם זשאָװער פֿון דער װעלט אַרױסגעבראַכט ;
אַ גאַנצער דור היסטעריש האָט געלאַכט,
די האַרבסט כּלי־זמרים האָבן מיטגעכליפּעט.

און איך, פֿאַרצװײפֿלט אָנגעשטעקט מיט שרעקן,
האָב געװאָלט די גאַנצע װעלט אױפֿװעקן.

איך וויל מיט דיר פארגיין

איך וועל מיט דיר פֿארגיין,
מיט דיר וועל איך אויפֿגיין
צעשטויבסטו מיך אויף שטויב,
צעלאזסטו מיך אין דאמף,
ווער וועט דיין סוד דערגיין?
ווער וועט דיין ווארט פארשטיין?
מיסטעריע ברויזנדע
פון לעבן, טויט און קאמף.

אין לאבירינט

מיין מארך צינדט זיך אן
מיטן פלאם פון פאספאר,
און באלייכט מיר דעם וועג
אין דעם הארבסטיקן ווינט.

שוועל אויף שוועל, שטיין אויף שטיין,
גרוי אויף גרוי, שרעק אויף שרעק
ביז מיין טראט ווערט פארלארן
אין דעם לאבירינט.

מיך באלייט אין דער שטיל,
אין דער נאכט פון מיין זארג,
דורך די ארקעס פון טרויער,
דורך מצבות פון טויט.

ביז דער שפראץ פון באגינען
האָט זיין אנפאנג געגרייט.

מיין אטעם פון לעבן,
מיין קרוין און מיין זעל,
האָט דער פלאם פון פאספאר
זיך פארלאשן, און בלינד
פארלארן זי האָב איך
אין דעם לאבירינט.

געשענדעט

געשענדט האסטו מיינע טעג—
דיין פרייד געבאָדן אין מיין בלוט
ס'איז דיר געווען דיין שפיל צו מוט.

האָט זיך אין מיר א פלאם געגרייט,
און האָט אין זיך געגליט מיט האס,
א שארפע פייל פארשארפט ווי שטאל.

האָסטו געפייניקט מיט דיין פרייד
מיין יעדן אָדער, יעדן גליד ;
און האָסט אויף מיין פארבלוטיקט הארץ
געשפילט דיין ליד.

איצט וויים — דו האָסט פון מיר געמאכט
א שטאלצן העלד, א שטארקן מאן
קאנסטו רופן מיך, —
זאל זיין : טיראן.

אבער מיט פייער, וואס גליט אין שטאל,
באצאל איך איצטער פאר אמאָל.

אויף דיין בוזים

ניט לאנג האב איך דיין פרייד געקאנט פארטראגן
צו שטארק דיין פרייד פאר מיר,
צו ליכטיק דיינע אויגן.
דו האסט אין פלייש און בלוט זיך איינגעזויגן,
אומרינגלט מיך מיט פארבן פון רעגנבויגן.

געלעגן בין איך אויף דיינע רייכע גיטער,
האב איינגעאטעמט דעם גייסט
פון לויטערע געוועלבן,
געטרונקען האב דעם געלן געטער־ווייַן,
דעם לויטערן ווי בורשטין—
דעם קווינטעסענץ פון לעבן אין די העכערע ספערן
פאר׳שכור׳ט האב איך זיך ביז משוגעת.
נאר אין עקסטאז פון גייסטיק טיפן לעבן,
האב איך דערהערט א שפיל פון שווארצן פלייט,
איך האב דערפילט:
אויפן צווייטן ברעג פון פריידן,
צענומען ביידע שווארצע ארעמס,
שטייט,
אוןווארט אויף מיר—
דער טויט.

איך בין דאָס שפּילצייג

איך בין דאָס שפּילצייג פון פינצטערע קאַפּריזן,
צעטראַטן האָט די צייט מיין איינציק גליק,
דער צופאַל פּרוווט אויף מיר די שאַרפסטע שפּיזן,
איראַניע שיינקט מיר איר וואולגאַרן בליק. . . .

דער קאַרליק שיקט צו מיר זיין טיף באַדויער,—
די קנאה פירט מיין האַרץ צום עשאַפאָט,
דער שענסטער יום־טוב איז בא מיר אין טרויער,
די שכינה האָט זיך אָפּגעשיידט פון גאָט.

דער לאַנגוויל זויגט מיין בלוט נאָך אומדערזעטיקט
מיין אומרו שמייסט מיט פייער און מיט קעלט,
און וואו איך מאַך אַ טראָט, האָב איך פאַרשפּעטיקט
פאַרשלאָסן איז פאַר מיר די שיינע וועלט.

דער שכר טראָגט און שקלאַפיש־אונטערטעניק,
געדולדיק לייד איך יעדן פּאַראַזיט,
מיין לעבן איז פון יעדן נול אָפּהייניק,
זיין פאַלשע ברכה שיקט דער היפּאָקריט.

אין מוח קריכן שוואַרצע, ווי די שעה'ן,
געדאַנקען בייזע, מאַטערן מיט פּיין—
וואו ליגט דער אינהאַלט פון לעבן פון דעם גרויען,
ליגט דער ציל אין קאַמף פאַר קורצן זיין?

די גוטסקייט און שיינקייט וואוינט הויך

בלוי די נאכט, ווי צעלאזענער שטאל,
אויף דעם גאלדענעם לייטערס געוועבן
פון שמייכלענדיקע שטערן,
הויבן אויף זיך פארלאנגען גאנץ הויך
ביזן רויש פון לבנה׳דיק זייד,
ביז די ענדלאזע הויכע ספערן.

צעעפנען זיך טויערן רונד,
פערלמוטערנע גלאנציקע שילדן,
די שיינקייט, די גוטסקייט
וואוינען הויך,
אויף פרעמדקייט ניטדאַאיקן
ווילן דעם ווילדן.

פאלן זעלן אויף קופערנע טרעפ,
ווי בראנזענע שקלאפישע לייבער,
און בעטן צו גוטסקייט, צו שיינקייט אין דער נאכט,
ווי אין עקסטאז די קאפרישע ווייבער;
גייט אויף פון דעם גלאנץ אין דער נאכט מיין בייענקנדיקע נשמה.

אינטים

נאכט שעהן

איבער מיר, מיט אייזערנע שנאבלען,
שווארצע פויגלען מיינע שעה'ן
פיקן מיר מיין מידן מוח.

נאכט שעה׳ן

שווארצע פויגל מיינע שעה׳ן, מיינע נאכטיקע שעה׳ן.
אין די פינצטערדיקע בליקן, אין די סאמעטענע פליגל,
נאכט-גרויל,
זעצן זיי זיך מיר צוקאפנס
און זיי פיקן מיר מיין מוח,
מיט די אייזערנע, שארפע שנאבלען.

שטייען פינצטערע הויכע פלעשער,
מיט פירקאנטיקע באקאלן,
מיט א שווארצקייט אנגעפילט,
טרינקען שטומע געשטאלטן
פון די באקאלן
די געדיכטע רויע שווארצקייט.

צווישן נאכט-גרוילס שווארצע פליגל
אויף א ברענענדיקן קישן,
אויפגעריסענע קראנקע אויגן,
מיט א שווארצקייט צוגעדעקט,
ליג איך.
איבער מיר, מיט אייזערנע שנאבלען,
שווארצע פויגל מיינע שעה׳ן
פיקן מיר מיין מידן מוח.

וואכעדיק

מיין הארץ דאס דורשטיקע,
ס'איז וואכיק־גרוי.
וואו זאל איך דיך געפינען,
וואו ביסטו ?

אמאל האסטו באהאלטן זיך
אין שטיין ;
אמאל אין גאלד ;
אמאל אין גייסט.
און היינט, דעם גייסט
פארומרייניקן די,
וואס האנדלען מיט דיין נאמען
אויפן גאס.

ס'איז וואכעדיק.
פון וואס באשאף איך דיך ?

מיין ווײ

עס וועט מיין ווײ באהאלטן זיך און שטארבן
אין מיר אליין,
ווי ס׳שטארבט דער עכא פון א דונער
אין זיך אליין.
ווי איך וועל, א גרויער שאטן,
פאר דיר פארגיין.

דער פיבער שפילט אויף די קראנקע סטרונעס
פון מיין צעבלוטיקטע הארץ.
און מיר איז נאך דיין אומגליק
שטום און שווארץ, —
זאל קיינער אין דעם ווייטיק
ניט פארשטיין —

ווען איך וועל, א גרויער שאטן,
פאר דיר פארגיין.

א שטילע רו

א גרויסע, רויטע זון האט זיך באם ים געזעצט,
געטריבן האט דער ווינט א זעגלדיקע שיף,
געקאכט האט יעדע כוואליע פון אויבן ביז דער טיף,
ביז ס׳האט די זון אין ים דערטרונקען זיך צו לעצט.

א פייערל אין ווייט געצונדן האט זיך העל,
א שווארצן סאמעט האט צום נאכטלעגער געשפרייט
די נאכט, בנעימות׳דיק, איבער דער לייגג און ברייט,
דער שעפער האט געמאכט פון מיין שיינער וועלט א תל.

א נאכטלעגער געזוכט האט צווישן רוים און ים,
א פויגל, ווען פארהוליעט האט א שיינעם טאג,
אזוי ווי איך גאנץ אפט אונטער דער שווארצער דעק
פון לעבן, גרויל און טויט, זוך אום א שטילע רו
באם ווייטן, ווייטן ברעג.

אומעט-שימער

אין פייער-גאָלד דערברענט דער האָריזאָנט,
און בלוילאַך-גרוי זיך וויקלען אוים די סילועטן,
ווי אויף אַ גלאַנציקן פּאַרקעט
פאַרלאָרן האָט אַ שיינע טענצערקע איר פּורפּורנעם בוקעט.
אַזוי שווימט אום די זון אַ ציטערדיקע
איבער דער טונקל-בלויער אַזיערע.

וואָלט איך געוואָגט דעם בוקעט
דער טענצערין דערלאַנגען,
איז אָבער טיף אונטערן באַרג
די רויטע זון פאַרגאַנגען.

געלאָזט אין האַרץ בא מיר
אַ גרוילאַכן „אַדיע״.....

אַזוי האָט אויך מיין האַרציקע
געזעגנט זיך מיט מיר,
ווען איך האָב פלאַמיק-הייס געליבט—
און זי האָט ווי אַ שאָטן גרוי
פאַרמאַכט די טיר.

דער אפגרונט

איך בין פאר דיר א טיפער אפגרונט—
אזוי האָסטו אַמאָל געזאגט ;
דערשרעקסט זיך, ווען די אויגן מיינע
כ׳שטעל אויף דיר נאר אן ;

מיין ערנסט איז א שארפע שווערד פאר דיר ;
מיין ליבע — א געהיימענים ;
מיין ווארט — א סוד.

באנאכט—ווען זיבן שווארצע דעקן
שפרייטן אוים מיין בעט,
און שרעק מיט שרעק צוקאפנס וויגן זיך פארבארגן —
פון איינזאמן געלעגער גייסטו אראפ,
און פלאטערסט אויף, ווי רויטער אויפגאנג
געמישט מיט זילבער־אש און פורפור־גאלד,
מיט דימענט־שטויב באשפריצסטו מיינע אויגן.

פאלסט צו מיט דיינע ווייכע ווייסע הענט
צו מיין צעקנוילטן שווארצן קאפ,
און ווי מיט קילן טוי, באדעקסטו מיר מיין פנים,
שטאמלסט אוים :
״אין דיין שווארצן אפגרונט,
אין דיינע טיפע אויגן־שפיגלען
האָב איך זיך געפונען״....

נאכט-קעניגרייך

אין שווארצער קרוין,
אין סאמעט-שווארצן מאנטל,
פארשלאסן מויל און אויערן און אויגן,
האָט איבער מיר געהערשט
די קעניגין פון נעכט.

מיין הארץ האָט אָבער פויקן שרויט —
אונרואיקייט, צעשאטן,
די לאסט פון חושך—ניט געקענט דערטראגן,
האָט זיך מיין בעט מיט געדאנקן פלאם געצונדן,
מיין ווידערשטאנד געוועזן איז הערֿאיש.

די נאכט — די הערשערן, זי האָט מיך זיס פאר׳שכור׳ט,
און שלאף געטראנק געגאסן אין מיין אויער,
פארפלאנטערט מיך אין אירע ווייכע נעצן,
גערייצט מיין פלאמיק-ווילדן, קראנקן שארבן,
מיט שווארצן פלאם פון טויטלאכע קאשמארן.

און ווען איך האב דערוואכט פון מידן צויבער,
בין איך געוועזן אזוי שוואך צעבראָכן,
געקלונגען האָבן מיינע בלויזע קנאכן
און וויברירט האט קריינקלאך יעדער אבר.

איך האב דערפילט: ווי נישטיק ס׳איז מיין האפן,
כ׳האב פארשלאפן א גלענצנדע עפאכע.

איך בין שוין זאט פון מיינע טעג

איך בין שוין זאט פון מיינע טעג.
„ניטא קיין נייס אונטער דער זון",
עס וועט ניט בלענדן מיך דיין גאלד,
עס וועט ניט פלאקערן מיין זעל —
איך האָב אלץ געזען!

און וועט זי קומען אין דער נאכט,
אין בלויען סאמעט קלייד געהילט,
און וועט זיך זעצן בא מיין בעט,
און פונקן פייער אין איר בליק,
און וועט מיט רעגונג וועקן לאנג,
צוריק דעם פלאמיקן פארלאנג
אין מיר.—

וועל איך ארויסרייסן מיין הארץ
און לאזן טריפן טראפן בלוט
ביז איך וועל פאלן אויף א שטיין,
און זאל זי זען, אז איבער איר,
פאר אירע זינד,
האב—פאר דער צייט—געמוזט
פארגיין . . . .

זי האט געשפילט זיך מיט מיין הארץ,
זי האט געלאכט, ווען כ'האב מיט פיין
געשלונגען אירע שארפע רייד — — —
איך בין שוין זאט פון מיינע טעג.

ער...

קאַלטע ווינטן האָבן זיין שיף צו מיינע ברעגעס פאַרטראָגן,
ווען די רויט-בלוטיקע האַנט פון צער האָט אין מיין נשמה זיך איינגענאָגלט.
דער אומעט האָט מיינע איינגסטע טעג צוטראָטן,
און די ספקות מיינע חלומות אין שוואַרצע ימים דערטרונקען.
מיין מעלאַנכאָליע—מיין שאָטן—זיין קאָפּ אַראָפּגעבויגן
איז געזעסן אַנטקעגן מיר און סקעפּטיש געשמייכלט...

האַסטיק האָט ער מיין טיר צעעפנט,
די שוועלן איבערגעטראָטן,
זיינע ליכטיקע שמייכלען אויף מיין פינצטערקייט צעהאַנגן,
און איבער מיינע זאָרגן אַ נייעם העל-בלויען הימל איבערגעוואָרפן,
אַ גאָלדענע זון אַנגעצונדן, מיינע צווייפלען ווי שטויב צעבלאָזן.

און אַ גלויבן, אַ פאַנאַטישן גלויבן, אין מיר אויפגעוועקט,
ווי אַ פאַרוואַגלטער פויגל האָב איך מיין צוטרוי
צו זיין וואַרעמער נעסט געבונדן,
און מיט ליבע מיינע פאַרוואונדעטע שעה'ן געהיילט.
שטאַרקער בין איך אין זיך געוואַקסן,
טיפער מיינע טיפקייטן פאַרטיפט.
און נייע רעגנבויגנס זיינען פון מיין נשמה אויפגעגאַנגען,
אַנטקעגן דעם זוניקן בליאַסק, און פאַרוואונדערונג אַרויסגערופן.
ער איז בלויז געשטאַנען פון דער ווייטן און געשמייכלט,
מיין ערמונטערער, מיין פריינט, און פאַרגעטערער.

ווידער האָבן קאַלטע ווינטן אַ בלאָז געטאָן,
זיין שיף האָט זיך אַ וויג געטאָן, דעם אַנקער אַרויפגעצויגן,
און אַ ווייסער פאַרוס האָט זיך אויסגעשפּרייט,
אַ ווייס טיכל האָט אַ פאָך געטאָן, ווי אַ שאָטן אַ זיידענער
איז ער פאַרשוואונדן.

מיין שארבן

מאך פון מיין שארבן,
ווען איך וועל מער ניט זיין,
א קרוג פאר דעם רויטן
און שוימיקן וויין.
די גרויע מינוטן, די שונאים פון לעבן,
פאר׳שכור.

מאך פון מיין שארבן
וואס דיר וועט געפעלן.
מיין ערלאכער מייסטער —
פון וואונדער באשאף—
זאל זיין—פאר דעם זינגפויגל
א ווארעמע נעסט.

איך בעט דיך,
מיט מיטלייד זאל זיין כאטש דיין לוין,
ניט מאך פון מיין שארבן
פאר אן אייזל א קרוין.

קלאָרע ווייסקייט

פארמישט אין קלארער ווייסקייט,
פון שניי און זון און לופט געלייטערטער
און ווייסע דעכער —
דער רויש פון ברייטע גאסן,
דער קלאנג פון טורעם-זייגער,
דער הארן רוף פון אטאס,
און דער קאטערינקעס שפילן,
אויך דער געדראנג פון שפאצירער אויף דעם ווייסן טראטואר,
דער אפגלאנץ פון די רויטע שויבן—
האָט זיך פארמישט אין קלארער ווייסקייט.

פילפארביק ציען זיך שפאצירער אויף און אפּ —
א ברייטע שטיינגע מיט צאפלדיקע פארבן—
דאָס לעבן גייט,
דאָס לעבן שפאנט
מיט פעסטע טריט,
פארמישט אין קלארער ווייסקייט . . .

א חלום

צו דיר וועל איך דאָך מוזן קומען.
איך ווייס אליין נישט,
ווי ווייט איך בין פון דיר.
צוריק וועל איך דאָך
אלעס מוזן ברענגען —
וואָס דו האָסט מיטגעגעבן
אויף מיין שטרויכל־וועג.

נאר אויב איך האָב
נישט ווילנדיק פארלארן
א ווייסן חלום איבער טונקלע ווייטן,
און אויב עמיצער וועט אים דארט געפינען : —
פארגיב אונז ביידן,
האר פון אייביקייטן !

אונטערוועגנס

אויף דיינע בלייכע ליפּן
ציטערט אויף דעם דיכטער׳ס ברויזנדיק ליד.
זון צינדט אָן אַ פייער דיר מיט פלאַמען.
עס שווימט אַרום דיין שיף
פון פינצטערע טומאַנען.
צום ברעג.
צום לאַנג געווינטשטן ברעג.

באַהאַלט דעם פלאַם פון זון,
פאַר אַנדערע פון דיין גלייכן,
באַהאַלט דאָס ליד,
דו זאַלסט מיט דעם דערגרייכן,
די אָפענע הערצער פון דאָ און דאָרט,
וואָס וואַרטן און וואָס גאַרן
נאָך אַן אמת וואָרט.

לעבן

צווישן קוסטן גרינע
ווייסע שמעטערלינגען ;
אויף די ווײַנשעל בוימער
סאלאָווייען זינגען.

דאָ בין איך געזעסן
דאָרט בין איך געגאַנגען
קינדהייטס שיינע שעה׳ן,
וואו זייט איר פארגאַנגען ?

אונטער גרינגע הימלען
מאלינעם צעבליען,
אויף די גרינע בוימער,
רויטע עפּל גליען.

דאָרט אמאָל גע׳חלומ׳ט,
דאָ בין איך געזעסן ;
זיסע ווייטע היימלאנד,
כ׳קען דיך ניט פארגעסן.

אונטער שווערע הימלען —
שטויביקע גארדינען,
טראמפּל איך מיין לעבן
טראמפּל אָן א זינען.

אויף ן מארק אין האנדל
זוכט מיין זעל שלום —
איז דאָס קורצע לעבן
בלויז געווען א חלום ? — — — —

דער בעכער ווײַן

טרינק אויס, טרינק אויס דײַן בעכער ווײַן,
וואס קאכט און שוימט און זידט,
מאך יונג דײַן אלטע וועלט, באַניי,
בלי אויף, ווי ס'האט געבליט.

נעם אלץ פון לעבנס אוצרות, נעם!
צעעפנט שטייט די טיר,
דער יוגנט־טרוים—דער שענסטער טאג,
ער שײַנט אין פראכט פאר דיר.

נעם פון דער וועלט דײַן חלק צו,
רײַס אויס די שענסטע בלום,
און דײַן נשמה שכור אַן
מיט צערטלאכסטן פארפיום.

דער יוגנטס־הײַנט איז קורץ און פלינק—
דער מארגן קומט מיט שרעק,
און אָן רחמנות גזל'ט ער
דײַן גליק פון דיר אוועק.

עראינערונגען

דער שענסטער טאג פון מיינע יוגנט יארן —
ער וועט שוין מער באזוכן מיר ניט קומען.
עס זיינען שוין פון לאנגער צייט פארלארן,
די פערל אויף די צארטע יוגנט-בלומען.

דאך איינס איז מיר פון יוגנט-צייט פארבליבן,
זכרונות און דער שיין פון זייערע פארבן,
דער לעבנס-שטורם האט זיי ניט פארטריבן,
זיי איז באשערט מיט מיר אינאיינעם שטארבן.

אלטע בריוו

אלטע בריוו, פארגעלטע, שוין פון לאנגע יארן
זיינען מיר געבליבן, כ׳לעז זיי שטילערהייט,
און עס ווערט אין הארצן פון דאָס ניי געבארן,
מיט א טיפן ציטער, א פארבליטע פרייד.

שיין מיט צארטער ליבשאפט איז דער בריוו געשריבן,
ס׳איז דער מיידלס האנטשריפט אזוי ליב און מילד;
טיף איז אין מיין הארצן נאך א נעסט פארבליבן
מיט א בלייכן שאטן פון א שיינעם בילד.

יארן, יונגע יארן, זיינען לאנג פארשוואונדן,
דאָך פון יעדן בויגן אטעמט זיסע פרייד. —
פעסט איז מיין נשמה נאך צו זיי געבונדן
אלטע בריוו, פארגעלטע, פול מיט הייליקייט.

מיין אומרו

מיין רו האָסטו מיט זיך אוועקגענומען,
ווען דו האָסט מיך באַצוויבערט מיט דיין קומען.
ווארום האָסטו מיט זיך אויך מיין נשמה
די האָפנונגסלאָזע דאָן ניט מיטגענומען ?

עס שלעפן זיך פאר מיר די טעג פון זומער,
עס שמעקן דאָ ארום די צארטע נעלקן ;
דאָך מיט א קראַנקער האָפנונגסלאזער זעל
צאנקען מיינע שעה'ן און פארוועלקן.

א רויז־באַגילטער פלעק אויף מיינע ליפן,
דער ערשטער קוש וואָס דו האָסט מיר געגעבן, —
ביזט אזוי ווייט ! דאָך קאָן איך ניט פארוויגן
מיין הארץ, וואָס וועט דיך ביז מיין קבר ליבן.

דיין הארץ

דיין הארץ איז א גאלדענע הארפע,
איך זיץ אין דעם שטערן־שיין שפעט ; —
עס גיסט זיך ארוים פון דיין פענצטער
דיין ערלאכער ווייכער געבעט . . .

אין רואיקן שאָטן־שפיל פלאטערט,
פארגייט און לעשט זיך שטיל אוים
דיין קלאנג, ווי דער טראפן דער לעצטער
פון טוי, אויף דער פורפורנער רויז.

אין שווייגזאמען ציטער דערנעענט זיך
דיין הארציק געבעט צו מיין זעל,
אין בלוילאכן הימל צעשפרייט זיך
דיין שאטן פאר מיר אזוי העל.

איך ווער אין דיין צויבער געפאנגן,
דיין הייליקייט רינגלט מיך אום,
און תפלות, ווי ווייסע מלאכים,
זיי נעמען מיך הארציק ארום.

עס ווערט אזוי לייכט, אזוי ווארעם
אין גלאנץ פון דעם שטערן־שיין שפעט ;
ווען ס׳גיסט זיך ארוים פון דיין פענצטער
דאָס ערלאכע, צארטע געבעט . . .

רויטע פייערדיקע ליפּן

זאג, פאר וועמען ריינע רויטע פייערדיקע ליפּן ?
זע : מיין הארץ
האלט אין מיטן בליען.
מיינע פינגער אויף דער מאנדאלינע,
אין זיסן דופּט פון ליד,
ווי צייטיקע אָראנזשען גאלדיק גליען.

זאג, פאר וועמען דיינע פייערדיקע ליפּן ?
מיין נשמה שמאכט ;
מיין אָטעם — הייס און דורשטיק
נאָך קיינמאָל געקושט אזעלכע ליפּן ;
מיין יעדער זיפץ חלש'ט בא דיין שארפן בליק.
און דיינע ליפּן צייטיקן און גליען,
מיין זעלם וואונטשן הייסע בליען. —
זאג, פאר וועמען דיינע רויטע
פייערדיקע ליפּן ?

דאס גאלדענע בריקעלע

איבער דעם גאלדענעם בריקעלע גייען אריבער די יארן,
איבער די בלויאינקע וואסערלאך ציען זיך אוים די פארלאנגען.
אונטער דעם יונגסטן פרימארגן, אונטער דעם הימל דעם קלארן
וויגן זיך אום די חלומות, ווי גאלדענע מחנות מיט זאנגען.

איבער דעם גאלדענעם בריקעלע צינדן זיך אויגן אין פלאמען,
ווייט דארט פון יענער זייט ליגן אוצרות אלמאזן פארבארגן.
ווערט פון דעם בריקל און וואסערלאך שוימיקע ברויזיקע ימים,
ווערט פון דער הארציקער ביינקשאפט א הימל מיט כמארעס פון זארגן.

איבער דעם גאלדענעם בריקעלע שוועבן אריבער די יארן,
וויגט זיך דאס בריקל און סקריפעט אונטער די פיס וועט ניט ווערן,
ס'האבן זיך ווייסע חלומות און וואסערלאך טונקלע פארלארן,
עס וועט פון זיי קיינער ניט וויסן, עס וועט פון זיי קיינער ניט הערן.

צוויי באַסיינען

צוויי באַסיינען — דײַנע אויגן בלויע,
דײַנע בליקן — קאַכנדיקע וואַלן ;
גייסטער קומען, קומען און פאַרגיין,
זאָגן עפּעס, ווער קען זיי פאַרשטיין ?
וועקן עפּעס אומרואיקעס, שטום,
קושן פלאַמיק, שמייכלען אַזוי פרום. —
דײַנע אויגן — וועלטן, וועלטן, וועלטן.

צוויי באַסיינען — דײַנע אויגן בלויע,
דײַנע בליקן לייטערן און בענטשן,
בין איך מיד געוואָרן, בין איך קראַנק געוואָרן.
קוק איך אויף די ערלאַכע באַסיינען בלויע.
עפּעס הער איך, עפּעס פיל איך,
און עס דערהויבט מיך,
בײַ די צוויי באַסיינען.

דער זיג

כ׳האָב זיך אויפגעהויבן
העכער איבער זיך,
אויף הויכן.
פארטיפט זיך
טיפער
און דערגרייכט,
וואס אונטן
קאָן מען ניט דערגרייכן.
די לעבנס-קייטן ציען און באשריינקן,
איבער דעם לעבנס הויך
האָב איך מיין איך באזיגט.
די פליגל פאכן פריי
פון גרענעצלאזן דיינקען.

צו דיר

דער קלאַנג אויף רויען בלעך. —
איז דאָס דער רוף פון מינאַרעט ?
די פּאַלמעס צו דעם בלויען רוים זיך שטרעקן.
און איינגעשרומפּן ציילט די טריט
דער בעדואינער,
די טויטע טריט,
אין זיך.

אזוי בין איך געגאַנגען נאָך דיין רוף,
מיט געדאַנקען לופּטיקע,
ביז בלויען רייך, —
מיט מידע שווערע טריט,
און האָב געציילט
וואס לעבנדיק
האָב איך פאַרפעלט.

טאמאַרע

טאמאַרעס שאַרפע אויגן, זיי שמעלצן רייך מעטאַל,
מיין האַרץ איז בלוט און גייסט.
טאמאַרעס פיס — פיל גרינגער פון די שרפים
און מיינע שלייפן קלאַפן איר צום טאַקט.
דער טערקישער דיוואַן איז גליקלאַכער פון מיר,
טאמאַרעס קעציש־לייב היים ציט זיך אויף זיין פּליוש.
דער גרינער פּאַפּוגיי וואָס וויגט זיך אויפ׳ן שטאַנג,
האָט כאַטש דאָס גליק, טאמאַרעס וואָרט נאָכזאָגן : —
„איצט בין איך לעבן דיר"
„איצט בין איך לעבן דיר".
איך, שוואַרצער שקלאַפּן־יונג, בין אויפ׳ן זיבעטן הויף
און קוק בלויז דורך א שפּאַלט פון פּאַרקן,
די ליפּן שלאָגן שוים, די גלידער פלאַמיק־באַנג,
די ציין אין אייגן לייב געביסן.

טאמאַרע, קום !
מיין קרומער שאַרפער מעסער
גלאַנצט שוין מיט מיין פרייד. —
קום, שטעך אריין אהער אין ווינקל,
דאָס פייער איז דאָ גרויס, די ליידנשאַפט נאָך גרעסער —
מאַך קיל, מאַך קאַלט און קעלטער.

און באַלד נאָך דעם
דיין שניי־ווייס אומשולד־העמד
טונק איין אין טייכל בלוט
באַהאַלט צווישן דיינע בריסט
פאַר א סואווענירֿ, טאמאַרע . . .

גאנץ

ס׳איז אלעם גאנץ. דער שמייכל איז א זיסער,
דאָס הארץ שלאגט אזוי רואיק,
דאָס מויל איז אזוי העל.

באהאלט די שארפע נעגל,
דאָס ווייסע קלייד באריר ניט
מיט דיינע טומאה-פינגער.

ניט עפן אויף ס׳פארבארגענע
פון דיין בייזקייט און פון גרויל.

זאל אונטערן זילבער פליגל
דער טאג באגעגנען דעם אוונט.
זאל מיין געבעט בא דיינע טירן ציטערן,
און אויסרייסן דעם גוטן ווילן דיינעם
אַ שאטן, שאטן פון מיין אינערלאכער וועלט . . .
דיין ווילן פון פארניכטונג רייסט זיך מיט גוואלד פון מיר ארויס—
דיך רייצט די רויטע לעבנס-רויז ;
איר ווייכע סאמעט-הויט.
אירע בלויע אָדערלאַך
און איר טיפער סוד...
עס גיסן זיך אין מיר כוואליעס הייסע בלוט.
דער אומרו ברענט מיט פייערדיקע אויגן,
און דער שאטן ציטערט—
פארניכטן, פארניכטן.

צעטראָטן ליגט אין בלאטע מיין גוטער ווילן.
דאָס שיינע פון מיין הארץ
האָט ווער באשפיגן ;
דער שאטן האט זיין חלף
אויסגעצויגן איבער דעם גאנצן,
און טראפנס ווי רויטע רובינען
רינען אוים פון האלז פון קרבן.

איצט זיץ איך און באקלאג
דאָס געוועזענע, דאָס אומשולדיקע.

יעדן אינדערפרי

שרייבט ווער אן מיט בלוטיק-רויטע פינגער אויפ׳ן מזרח
יעדן אינדערפרי.
צעפינקלען זיך די שויבן פון דער שטאט
מיט רויטלאכע רובינען
און בלישטעשנדע קריסטאלן.
ניטאָ דער קינסטלער,
דאס רויע, ניט פארענדיקטע,
זאל דערמאלן.

צעקאפריזעט זיך א וואלקן און א צווייטער —
פארכמארן זיך,
צעשפרייטן זיך אין שווארצע מאנטלען איינגעהילט
און ציען זיך צו מזרח שרעקלאכער און ברייטער.

ווי אן אלטער הויקערדיקער מאן
בא א גרויער שטיינערדיקער וואנט,
זעצט זיך דער טאג אוועק.
פון יעדן דאך און קוימען,
קוקט אראפ די שרעק.

פליט אן א קאלטער ווינט
און טוט א הויב
דעם שטויב
פון אלע גאסן,
גליטשט זיך ארויס,
אזוי ווי פון א פארליבטער מיידלס-הארץ
א הייסער, גאלדענער וואונטש,
א ליכטיקע זון,
טוט א שיין איבער אלע פארגרויטע עקן:
ס׳וועט זיין א שיינער טאג ;
א פלאטער טוט מיין הארץ,
גרייף איך שוין ווידער,
מיין אלטן וואנדער שטעקן.

זיידענע פעדים

דו ביסט מיין חלום,
איך—דיינער,
פארוועבט אין זיידענע פעדים,
אין דיין געוועב.

פון גיט באמערקטע פינגער,
ליכטיקע און גרינגע,
חלומ'ן מיר שטילע
פון ווייטע, בלאנקע טעג.

זי האט פון מיר מיין הארץ גערויבט

אין ווייסן זיידנעם קלייד,
און פלינקער פון א נימף,
פארביי דער ענדלאזער אלייע,
באגלייט פון גרינע לאנגע טאנען —
איז זי פארשוואונדן פון מיין בליק.

צוויי אויגן — הימל־ווייך,
און פריילאכע ווי שטערן,
ווי פאסמעס פלאקס—צוויי לאנגע צעפ,
דאס פנים קלאר, די ליפן רויט.
איר שמייכל האט מיין הארץ באזיגט,
און זי איז פארשוואונדן פון מיין בליק.

כ'האב אומגעקוקט זיך אויף צוריק,
אויף אירע סאמעט־ווייכע טריט,
און אויף דעם כוואליען שפיל פון קלייד,
וואס האט א שטילן רויש פארשפרייט,
און זי איז פארשוואונדן פון מיין בליק.

זי האט א קערבל בלומען רויט
געטראגן אויף איר צארטער האנט,
פון בלומען־צווייג ערשט אראפגעפליקט,
א בלום א רויטע ווי מיין הארץ
געצאפלט האט זיך בלוטנדיק
און זי איז פארשוואונדן פון מיין בליק.

פּעלד פרייד

קינדער, קינדער, כ'וויל אייך שפּילן
נעמט מיך אויך אריין אין ראָד,
שוועבן ווילט זיך פליִען יאָגן,
גלייך מיט אייך אין קאָראַהאָד.

פעלד פרייד

דורך מיליאַרדן פליגעלאך זינג איך אַרויס,
דאָס ליד פון פּרימיטיוו,
אויף מיליאַנען גרינע בלעטעלאַך,
צעהייענג איך ווייסע פּערל טוי,
און צינד אין פּערל אָן
מיין פאַרביק פייערל.
און פריי זיך מיט מיין פעלד־פרייד.
קומט אַלע, אַלע, מיינע טויערן שטייען אָפן !
קומט פרייען זיך מיט מיין קעניגלאַך פאַרמעגן,
טרינקט אויס דעם ווייסן ווין
פון מיינע זומער קעלערן,
פאַר׳שכור׳ט זיך מיט זיסן היי־גערוך,
און באָדט זיך אין דעם ים פון מיינע קווייטעלאַך.

ס׳איז אייער פרייד, אויך מיינע,
און מיין גליק איז דאָך אייער,
איך בין די ווילדע פעלד פרייד,
מיט טויזנט סאַמעטענע ווינטעלאַך,
מיט טויזנט זונענשטערנדלאַך,
צעברעך איך אַלע שלעסער פון שעמעוודיקייט,
איינגעהאַלטנקייט און איינזאַמקייט.
און מיט אַ פייערדיקן גוואַלד,
גיס איך אַריין מיין לעבנס טרונק געננים,
אין יעדן לעבנס אָטעם,
און רוף אויף די באַגערן.
פאַרבאָרגן ליגט אין יעדן וואָרצל דער סוד.
איך שפּרייט נאָר אויס מיין שפּרוך,
און בענטש זיי זיך צו מערן.

זעאונגען

אויפגעבונדן מיינע אויגן, איבעראשט בין איך געווארן :
אויף די זילבערדיקע וועגן
שלאגן גאלדענע אקארדן.
האָט ווער סטרונעס אנגעצויגן ?

אויף די סטרונעס בלויע פויגלען
קלאפן, קלינגען מיט די שנאבלען.
ווארפןביימער גאלדענע רענדלאך
שאָקלנדיק מיט גרינע צווייגן.

ברייט צעעפנט מיינע אויגן, אין דער שיינקייט בין פארשלונגען
העכער הויבט דער טאָג זיין מאנטל,
ראז און זייד און גרין און זילבער,
אויף געבעטע ווייסע קישן,
קעגן גאלדענעם טאָץ זיך שפיגלען
ווען א ליכטיק גליקלאך פנים.
איך באהאלטן אין א ווינקל,
איינגעהאלטן פון דער זעאונג,
א פארגאפטער וועל פארגיין.

פונדיינעטוועגן

פונדיינעטוועגן, אויף ברייטע שליאכן,
א גאלדענעם שפיגל האט די זון געפורמט.
אויף בלויע מארמאר זיילן, ביז דער מארגן רויטקייט,
דער שענסטער שלאס האט זיך אין בראנז געטורמט.

א געטלאך הויך געכוואליעט האט אין לופטן; —
אויף פייפלען צוויי א ליד האט ווער געגאסן;
א ברייטער טייך, ווי מיין גרענעצלאזע ליבע,
אריבער ברעג האט רוישיק זיך צעפלאסן.

צעבליאסקעט זיך אין ליכט האבן די מאי׳ען בליטן,
ווי א פריילאכער באראן איבערן גרינעם סטעפ,
האט זיך געלאזט דער וואלד־גאט לויפן,
געוואלט האט דיך דעריאגן.
געטראגן האט דיך אבער הויך מיין פרייד
אויף א פייערדיקן וואגן.

צעפאלן זיינען דיינע בלאנדע האר
איבער בערג און פעלדער, און גרינע טאלן.
גערעדט מיט ליכט האט יעדער שטיין,
געטאנצט האבן די שטראמען פון דעם פעלז אראפ,
געפלאפלט מיט א קינדער־רויש.
פונדיינעטוועגן איז מיין ליד
אזוי גוואלדיק גרויס.

דערהויבונג

כ׳פארלאז די שטאט, אוועק פון שטאל און **שטאנגען.**
מיט אדלער-פליגל איבער פעלד און וואלד ;
מיך טראגט אוועק דער מארגן אין זיין גאלד
צום בלויען היכל פון פריידן און געזאנגען.

כ׳האָב אפגעשטויבט פון זיך די וואך פון זארגן
א וועלט מיט גייסט ארומרינגלט איצט מיין בליק.
יעדעס בילד ז׳פאר מיר א קוואל פון גליק
אין יעדן קוויטל ליגט א סוד פארבארגן.

כ׳האָב זיך באפרייט פון גרענעצן און צאמען,
עס רעגט מיך אויף א מאכטיקער פארנעם ;
פון ווייטקייט, ברייטקייט, אנטציקונגען און ליבונג,
פון אלע וואונדער וואס גיסן זיך אין פלאמען
און פון נשמות הערלאכער דערהויבונג.

רו...

דאָ ווערן אַלע אַזוי שטיל —
איבער דער ערד זיך שאַרן קוים די פֿיס,
דער פֿאַרקן האָט זיך אָפּגעטיילט פֿון רויש
און שאַ, שאַ,
אַ טיפֿע, טויבע, ווייטע שטילקייט,
ווי אַ קינד וואָס האָט דאָס פֿינגערל
אויף געפּרעסטע ליפּן.

דער אויסגעהוילטער בלויער באַל הייבט קראַנק אַראָפּ;
ווייס, ווייס, אַ ווייטער דינער וואָלקן־פֿויגל פֿלאַטערט —
אויף גרינעם הויכן באַרג
איז קיינער דאָך ניטאָ,
אַ חוץ דעם צעשראָקענעם בוים, וואָס פֿאַכט אַראָפּ מיט אומעט,
און טיף, אין רויטן טאָל — אַ קעניגרייך פֿאַרשלעפֿערט,
ווי ס׳וואָלט דער כשוף׳מאַכער
אַרויסגערעדט: —
״זאָל הערשן ס׳קעניגטום פֿון רו״ . . .

די קאַץ

איך בין אויף דעם גראָז, אויפן גרינעם
אנשלאָפן געוואָרן,
און האָב זיך אין מיידלשע אָרעמס,
אין הייסע פאַרלאָרן.

געשפילט האָט א פידל, אַזוי ווי די שטראַלן,
אויף ווייסע נאַרציסן,
און איך האָב געטרונקען פון כוס,
דעם מיידלשן אָטעם, דעם זיסן.

דער וועכטער אין נאַכט־שעה, די שפּעטיקע
געוועקט האָט, געקלונגען,
ווען איך האָב דערוואַכט איז א קאַץ,
פון מיין ברוסט שנעל אַרונטערגעשפּרונגען.

אונטער א הערלאכן הימעל פון באגינען

מיין זינגנדיק בלוט,
ווי דאָס קוואליקע ליד,
אויפן גאלדענעם זאמד
קעגן זוניקער שפּיל.
הייסער, שטארקער, דאָס פלאמיקע רויט
כאפּט ארום אין א פרייד און פארברענט יעדע זארג
און פארברענט יעדן שאָטן וואס האָט מיך באליידט.

מיט פאריסענע קעפּ,
מיט דערהויבענעם בליק,
פון פאר׳כשופ׳טן בלוי פון צעגאסענעם גאלד,
ווי מיין זינגענדיק בלוט, שמידט דאָס קוואליקע ליד
אויפן גאלדענעם זאמד קעגן זוניקער שפּיל.

אין דער טיף פון געהעפּט
און געמיש פון דער וועלט,
און דעם זאט, און דעם קנאפּ,
פון דעם גאר ניט און גאר,
ליגט דער סוד פון מיין פרייד,
ליגט די פרייד פון מיין זיין,
אין דער קאָך פון מיין בלוט,
פון מיין זינגנדיק בלוט, אויפ׳ן גאלדענעם זאמד.

א ליכטיקער

א ליכטיקער איז ער צו מיר געקומען,
א מאנטל־זון איז ווייס אויף אים געפאלן,
מיט יעדן טראט פון זיינע וועג־סאנדאלן
האָבן דערוואכט די שענסטע מזרח־בלומען.

מיט אפענע ארעמס גאנגען בין אנטקעגן,
מיט אפענער טיר און אויסגעגילדטע שוועלן,
און אין זיין שמייכל, דעם קינדערשן, דעם העלן,
האָט ער געבראכט די פרייד פונמיינטוועגן.

געוואלט האָב איך די פרייד פאר זיך באהאלטן,
געהיים אין הארצן פון יעדן בליק פארשליסן ;
האָט פלוצלונג מיט א כוח אזא פרישן
דער ווירבל ווינט מיין הארץ צעשפאלטן.

איצט גיי איך אום אויף אלע שווארצע וועגן
און טראג מיין פרייד דער נייער וועלט אנטקעגן.

נאכט שימער

א גילדערן שטערנדל האָט זיך פארטראכט
איבער דער בלויער פאר׳כשוף׳טער נאכט,
האט געפינקלט, געפינקלט, געפינקלט.

א טויאיקער נעפל מיט פערל א קראנץ
באצירט יעדן בוים, יעדע בלום, יעדע פלאנץ,
האט געשפרינקלט, געשפרינקלט, געשפרינקלט.

די נאכט האָט די פליגל די בלויע צעשפרייט,
און האט זיך מיט נאכטלאכע ריחות געפרייט,
האָט געשפונען, געשפונען, געשפונען.

און עס האָט װער דעם שפיגל פון גייסטיקן גליק,
אין הארצן בא מיר ברייט געעפנט צוריק,
און איך האָב מיין כשוף געפונען . . .

א זומער בילד

קומט ווידער שטיל געפליגלט, און בלוי געהילט,
מיט שיכלאך רויט־געגילדט, מיט ווייסן שפּיצן־זוים,
ווי דורך א לייכט בארואיקנדיקן טרוים —
דאָס מארגן זומער בילד.

דערהער איך ווידער אויפן צויבערלאכן פלייט,
פון גרינע בערג מיט וואלקנראָז פארשפּרייט.
עס פאכט מיין הארץ מיט יוגנטלאכער פרייד,
באם אויפגיין פון מיין טרוים, און גאלדיק־פּורפּור רויט.

היינגט ווידער אויף מיין האלז זיך
די ביינקשאפט אזוי גרוים,
איך לויף צעמישט צווישן בוים און קוסט און זוך ארום
דעם סוד, וואס האָט פארוואונדעט אין דער פרי מיין הארץ:
די כשפ׳מאכערן פון בערג און וועלדער
דאָס קלינגען פון דער הארף און פידלער סימפאני.

אזא פרייד

ס'איז אזא גרויסע פרייד צעגאסן
איבער דער גאנצער וועלט ;
אויף ווייסן מורמל שטיין,
דאָס רויטע פליוש צעווארפן.

און פון דער ערד גייט אויף
דער זאטער דאמף ווי מילך,
און יעדער דאך באשלאגן איז מיט גאלד
און יעדע שויב צעגיסט זיך פון געלעכטער.

אויף יעדנס פנים האָט זיך פריי צעשפרייט
די גרויסע מענטשן־פרייד,
צעלאכט איבער דער גארער וועלט,
צעלאכט זיך פון דער ערד און אירע שאָטנס
און פון איר גרויסן צער.

ס'איז דורך מיין בלוט און ביין
די פרייד א שפרינגנדיקע דורכגעפלויגן
און ווען די זון האָט נידעריק געבויגן
איר קאפ צום נאכטגעלעגער,
אריבער די געטורעמטע פון שטאל די הויכע מויערן,
האָב איך דערפילט
אז עפעס גרויסעס ווערט אין מיר געבאָרן.

דעם פישער׳ס טאכטער

דער מזרח אין רויטן זיין פארהאנג פוצט אויס,
אין דערפל זיך לעשן די פייערלאך אויס.

דערוואכט מיט זיין הארן דער פאסטוך פון שלאף,
אין טשערעדע רופט ער די קי מיט די שאף.

און גרין איז דאָס פעלד דאָרט, און בלוילאך דער ראנד,
וואס דעקט איין דאָס וועלדל, דאָרט ווייט אויפן לאנד.

אין וועלדעלע ציטערט דער לערכעס א טרעל
דער עכא די טרעלן פארטראגט זייער שנעל.

ביים וועלדל א טייכל זיך שלענגלט דאָרט שיין
ביים טייכל א שטיבל דעם פישערס גאנץ קליין.

ביים פריזבע זיין טאכטער — זי זיצט און זי קלערט
דער לערכעס זיס-טרעלן מיט ביינקשאפט זי הערט.

דאָס זינגען עראינערט א טרויער פון לאנג.
און ווען זי דערמאנט זיך טוט עס אזוי באנק.

געווען א געליבטער, זי האָט ער געליבט
אוועק איז ער לאנג שוין, יעצט זיצט זי באטריבט.

אוועק דער געליבטער און קערט ניט צוריק
מיט אים איז איר רו אויך אוועק, מיט איר גליק.

דער מזרח אין רויטן זיין פארהאנג פוצט אויס
אין דערפל זיך לעשן די פייערלאך אויס.

פאר באגינען

ס'איז טונקל בלוי, עס נעמט באגינען
דאס גרינגע ווינטעלע דערוואכט.
די שווארצע שאָטנס שטיל צעשווימען,
מיט ווייכע טריט פארשווינדט די נאכט.

עס וועבט געהיים זיין סוד דער הימל,
אין גינגאלד פוצט דער מזרח אוים —
דעם לייכטן צויבער פון דעם דרימל
וואס האלט די געגנט אין זיין שוים.

מיט זילבער גרויע נעבלען דינע,
באצויגן איז דער וואלד, דאָס פעלד,
און צווישן זאנפטע גראזן גרינע
שטיל שוימענדיק דער קוואל זיך קוועלט.

דאָס שטעטל שלאפט, דאָס מידע שטומע.
דער טאג געבאָרן ווערט צוריק,
עס קוקט אראפ מיט אויגן פרומע,
דער שעפער שמייכלנדיק פון גליק.

א טוי-טראָפּן

פון גרינעם בלאט אראָפּ
א טראָפּן ווי קריסטאל
אין מאָרגנדיקער ליכט
פאַרלירט זיין גלייכגעוויכט.

א ליליען בעכער ברייט
פון ווייסן קנאָספּ צעשפּרייט,
פון אונטן שטייט און גאַרט
נאָך ליבע רויש און וויין,
און ציטערדיק דער טוי
אין בעכער פאַלט אריין.

א וואָלקן קלאָר זיך שלייכט
פאַרביי און ווערט אַנטציקט,
די ליליע פאַרשעמט
זי ציטערט פון איר גליק.

א נאַכטיגאַל דערפילט . . .
באַהאַלטן שטילערהייט,
זיין העלזעלע צעגיסט,
דער ווייסער ליליעס פרייד.

דער אָטעם פֿון זומער

אין טייכעלע קלאָרן
מיט ווערבעס באַזוימט,
זיך שפּיגלט דער הימל,
דער בלויער פֿאַרטרוימט.

און וואָלקנדלאַך ווייסע,
זיי שווימען אַרויס,
און טונקען זיך טיף,
אין דעם וואַסערלס שויס.

צום טייכל אַ מיידל
אַ שלאַנקע, פֿול חן,
זי גייט אַהין שווימען
טאָג־טעגלאַך אַליין.

זי גייט דאָרט באַגינען
צום וואַסער בסוד.
איר קערפּער, איר צאַרטן
זעען הימל און גאָט.

קוש מיר אוים

קוש מיר אוים מיין זעלן־טרויער,
קוש מיר אוים — דו פרילינג־ווינט
שעפּטשע פּסאַלמען אויף מיין אויער
און פאַרשווינד אין לאַבירינט.

שמיל פון בוים אַ טוי וועט טריפן
קושנדיק מיט ליבעס־פרייד ;
מיט מיין לאַק, וועט לאַנג ווער שטיפן
איך וועל טרוימען שטילערהייט.

נאַכט וועט בלויע פליגל שפּרייטן,
נאַכטיגאַלן פלייטן־קלאַנג,
דורך די ווייטסטע וואָלקן־קייטן
טראָגן וועט זיך דאָס געזאַנג.

קוש מיר אוים מיין זעלן טרויער,
קוש מיר אוים — דו פרילינגס־ווינט
שעפּטשע פּסאַלמען אויף מיין אויער
און פאַרשווינד אין לאַבירינט.

ערשטער שפּראָץ

אויף דעם גרינגן בלוי־טויל הייגגען,
ווינקן צייכנס אומבאשטימטע.
אין באַגינען טרעטן גרינגע
פּיס אויף בייטן קוים באַגרינטע.

אין דער ים־לופט ווילד אויפרייצנד,
טראָגט זיך ראַז די שיף פון פרילינג.
אין דער טרוימנדער קאַיוטע,
קושט אַמאָר א יונגן צווילינג.

אויף נאַרציסן קרענץ צעבלוטיקט,
קריכט אַרום אַ קליינער וואָרים,
גרוים די פרייד איז, איינג דאָס האַרץ איז,
און פאַרשאַלטן איז דיין אָרים.

אויף די גאָלדנע הימל טאַוולען,
האַמערט ווער מיט רויטע נעגל.
פאַר דעם קורצן זיסן חלום,
הויב איך הויך דעם ווייסן זעגל.

איך ווייס ניט

איך ווייס ניט צי ביסטו געוועזן,
איך ווייס ניט צי וועסטו ווען קומען,
דאָך זע איך דיין צערטלאכן שמייכל,
צווישן דעם כשוף פון בלומען.

איך ווייס ניט דיין וועג דעם געהיימן,
וואס שלענגלט זיך צווישן די זיינגען,
דאָך הער איך דיין לויטערע שטימע
צווישן די פויגלשע קלאנגען.

איך ווייס ניט דעם סוד פון דיין לעבן,
איך ווייס ניט דעם סוד פון דיין ליבע —
דאָך קומסטו מיר נאר אויפן זינען
פארשווינדן די שעה'ן, די טריבע.

איך האָב מיין נשמה פארבונדן
מיט דיר, מיין געהיימע און זיסע,
קומסטו צו גיין פארבארגן,
ווערט ליכטיק מיין פינצטערע תפיסה.

פריילאך זיין ווילט זיך אזוי

די בוימער אין גרינעם געוואנט,
און בלומען און זאנגען אויף לאנד,
אויף קוואלן קרישטאל דורכן וואלד
דאָס העלישע זוניקע גאלד.

און פויגל צעפליגלט, צעשפרייט
אין בלויער געוועלבלאכער ברייט,
ניטא מער קיין סימן פון גרוי
און פריילאך זיין ווילט זיך אזוי.

אין פריידיקע שעה׳ן אן שרעק
מיין הארץ טראג פון אומעט אוועק
צום זארגלאזן קוואל פון באשאף,
מיט אימפעט און ווילדן געלאף.

שאף איבער מיין אינערלאך פיין,
איין שעה זאל די גליקלאכסטע זיין
פארניכט ווען ס׳דריקט מיך דאָס גרוי,
ווייל פריילאך זיין ווילט זיך אזוי.

פריירי ליד

די שעפעלאך, די קלארינקע,
זיי פאשן זיך אין סטעפ;
זיי קלינגען מיט די גלעקעלאך,
און שאקלען מיט די קעפ.

דאָס פאסטוכל א ניגונ׳דל
א הארציקעס ער צעגיסט,
כאפט עס אויף דאָס וואסערל
און שוימט אוועק און פליסט.

צעפלעכטן זיך די בלימעלאך
מיט קרוינען בלוי און רויט,
אין טאנץ אריין דעם זוניקן
זיך ווארפן זיינען גרייט.

צעפאכן זיך די שוועלבעלאך
מיט פליגל בלוי ווי שטאל,
און שפרינגען ווי דרייקאנטיקע
דערשראקענע אין טאל.

צערויטלען זיך די ראנדן־זוייט
פון בלויען האריזאנט,
דער טיפער בן השמשות
שפרייט זיין פורפורנעם געוואנט.

פאר׳חלומ׳ען זיך בערגעלאך
און בלויען זיך גאנץ ווייט,
דאָס דערפעלע, דאָס וויסינקע,
עס טונקלט זיך ביים זייט.

די רוקנס פון די שעפעלאך
מיט גינגאלד אויסגעגילדט,
נאר אומעטיק דאָס פאסטוכל
ביים אונטערגאנג ווייך שפילט.

צעגייען זיך די וואלקנדלאך
פון הימלס שווינדל־טרעפ,
פון שמחה־טאג געענדיקטן
מיט אומעטיקע קעפּ.

בלייבט הייגען אין דער לופטן ווייט,
אָן עכא האלב דערשטיקט:
אין טונקלען איז די פריירי שוין
א האלבע באלד פארוויגט.

צווישן יונגוואַרג

קינדער, קינדער, כ׳וויל אויך שפּילן
נעמט מיך אויך אַריין אין ראָד,
שוועבן ווילט זיך, פליען, יאָגן,
גלייך מיט אייך אין קאַראַהאַד.

קוקט ניט וואָס איך בין אַן אַלטער,
בין ניט רירעוודיק, ניט פלינק,
זעט אָט דאָ אַ האַרץ קלאַפּט האַסטיק
און מיין זעל איז פריש און יונג.

שפּרינגען ווילט זיך, זינגען, לויפן,
כ׳האָב קיין יוגנט ניט געהאַט,
טאַטע מאַמע פלעגן אימער,
לערנען מיך מאָראַל און שטאַט.

„שפּרינגען פּאַסט ניט, לויפן טויג ניט״
ס׳האָט די זאָרג געמאַכט מיך מיד,
פונקט צו דרייצן יאָר געוואָרן
בין איך שוין אַ גלות איד.

קינדער, איך בין אייך מקנא —
נעמט מיך אויך אַריין אין ראָד,
ס׳ווילט זיך איינמאָל כאָטש אַ שוועב טאָן
אין דעם יוגנט קאַראַהאַד,

דער אוונט-שטערן

איך בין דיין אָוונט-שטערן
דיין פענצטער היט איך גערן,
דער זילבער-שטויב וועט שיטן
און פאלן ווייך אראפ.
דורך בלויען הימלס שימער,
וועל קוקן אין דיין צימער,
כ'וועל פינקלען און באצירן
דיין שיינעם בלאָנדן קאפ.

די אויגן האלב געשלאסן
מיט ליבשאפט ווייך באגאסן,
די ליפן רויטע זאנפטע
זיי שכור'ן ווי ווייַן.
דיין קאפ אין וויכן קישן
אין דרעמל אין דיין זיסן,
די שטראלן מיינע וועב איך,
אין דיינע ליפן איין.

איך וועל דיין רו ניט שטערן.
פארשוואונדן וועל איך ווערן,
און וועסטו פרי דערוואכן
מיט האפנונגען אן שיעור.
און וועסטו דיינע בליקן
צום בלויען הימל שיקן
וועסטו עפעס שעפטשען —
פארגעס ניט קינד אָן מיר.

צו א כינעזערין

שטילער, שטילער, מיט דיינע ווייכע שיכלאך
דער מאנדלבוים גיסט אוים זיין הארציקן פארפיום,
דאָס גרינע זיידענע פארהאנגל
וויגט זיך קוים אויפן שמאלן פענצטער.
פאזאנען מיט גאלדענע פעדערן
באצירן דיין רויטן דאך.
פארביקע שייבעלאך פון דיינע טירן
ווארפן פלעקן אויפ׳ן געלן זאמד.

אויף סאמעטענע ווענט היינגן ליטע־פאעס דיכטונגן אין גאלדענע ראמען.
דו לעזסט זיי דורשטיק צום הונדערטסטן מאָל :
„דער ווינט איז פול מיט ווילא־זאנפטע ריחות,
אין ווינקעלער די פרויען פרעסן נאך דעם ווינטרויבם־ווין,
זיי רופן הויך די קויפער צו פארזוכן.
די נאנקע׳ם יונגע לייט באגריסן דאָ מיין קומען.
איך גרייט זיך צו צום טרינקען זייער פיל....״

און ניט פארענדיקט האָסטו נאך דאָס ליד
און ביסט שוין שכור. צונעמסט די ברייטע זיידענע ארבל,
פארהויבסט דעם שפיץ פון רויטן סאמעט־קלייד,
פארבסט צו די בעקלאך דיינע הייסע,
די פיסלאך מאכסטו גרייט צום טאנץ —
דו פליגלדיקע היישא.

מיין ווייסע שוועסטער

האָסט אויפגעהאנגען דיינע לויטערע בליקן
אַנטקעגן מיר, מיין ווייסע שוועסטער,
אונז אָנגעזויגן האָט דער ווינטער־זילבערנער פארנאכט.
אַנטקעגן גרינעם פענצטער —
שטייגן אויף די פיאלטאווע בערג מיט ווייסן דאמף,
באהאנגען מיט קריסטאלן איז יעדער בוים,
א טרוים, א שטילער ווינטער טרוים —
און דיינע בליקן הייגען קעגן מיר,
מיין ווייסע שוועסטער.

קאפריזן

א בלאז איבער די טעלעגראפישע דראטן
פון א שפילעוודיקן ווינט,
צאווײנט האט זיך א בלאנדזשענדיקער וואלקן
ווי א קינד,
א ווארעמע רעגן־טרער פארלארן.
איבער דער הארפע פארווארפן האָט
זײַן קאפ דער אויסגעשפילטער שפילער.
די קלאנגען פון די דראטן,
זיי ווערן שטילער, שטילער.

א פייפן פון א ווייטן באן,
צאוווארפט איבער די פעלדער
שטיקער מרה׳שחורה׳דיקע זיפצן,
לאזט איבער אונטער זיך א וואלקן רויך
מיט פונקען דורכגעוועבט אין מיטן נאכט.
און פלוצלונג האָט א ווילדער טייך
זיך הויך צעלאכט,
צווישן הויכע בערג, ווי אויסגעהאקטע ריזן.
געפעלט דאָס מיר אזוי, דאָס פלוצלונגע, ס׳נאקעטע,
דער שפילן פון די קאפריזן.

קינדער פרייד

איך טו אמאָל א קוק אהינצו הויך,
אויף יענער הויך, וואו ס׳ליגט צעוואָרפן
א שווארצער וואלד,
צופוסן פון די שטאמען ליגט צעשפּסייט,
ווי א האלב־אראפּגעפאלענע,
א ווייס סאמעט קלייד.
בא מיר אין הארצן רופט דאָס בילד ארויס
א קינדער־פרייד.

אט לאז איך זיך אהינצו גלייך אוועק.
דורך בלויע לויטערע אויגן
קוקט דער הימל אויף דער וועלט אראפּ,
און ווי א גרויסער ברענענדיקער רינג
קוקט פון דער זייט די זון,
אויפן שווארצן וואלד.

בלויז א שפּיץ פון בוים,
באגאסן האָט זיך מיט א ביסל גאלד,
(אן איינפאל פון א מייסטער.)
אין בלויער פּראסטיקייט צעפלאקערט זיך דער טאָג,
דאָס אויג ווערט גרויס און ברייטער.

טוט זיך א צי דאָס הארץ
איבער די צעשפּיצטע בוימער פון דעם וואלד
און איבער די ווייסע, ברעגלאזע,
און פּראָסטיקע קלאָרע ווייטן.
אין ווייסקייט צינדן זיך
מיינע חלומות אָן,
איך וויל דערגיין די לויטערקייט
וואס וויקלט מיך ארום,
צי האָט ניט ווער צעשפּרייט אריבער מיר
א פאנגונגס קלאָרע נעץ.

פאַרקלער איך זיך אַזוי,
און בלאַנדזשענדיק אין לויטערקייט פון דעם געדאַנק
פאַרבלאַנדזשע איך,
און קוק ניט אויף צוריק.
איך פיל זיך פריי,
ווי איינער רייסט זיך אָפּ
פון אַ גראָבן שטריק,
ווי איינער וואָלט געמאַכט דעם ערשטן טראַט,
צי ער וואָלט געפונען דעם סליאַד,
דעם וועג צו אַ נייעם גאָט.

דערפילט האָב איך אַזוי בראַוו און שטאַרק
און יעדער פוס־טראַט געקלונגען האָט מיר שיין,
יעדער ווינטן־בלאָז.
אָבער ווייסער זילבער פראָסט־פאַל
האָט מיך באַלייט
און שטיל געוואונטשן אַ גליקלאַכן וועג.
צעשמייכלט האָט זיך איבער מיר די ווייסקייט
מיין האַרץ האָט זיך געצונדן רויט,
פון דעם ווייסן זילבער־קלייד,
און דאָס גאַנצע בילד פון אָפּגעגאַנגענעם וועג
רופט בלויז באַ מיר אַרויס אַ קינדער־פרייד.

אין בלעטער פאל



פאלט בלעטער, געלע רויטע ברוינע פאלט.
א טאג און נאך א טאג,
אט באלד,
דער חלום האט זיין אנפאנג אויך זיין ברעג.

אין בלעטער פאַל

פאַלט בלעטער, געלע, רויטע, ברוינע — פאַלט.
א טאָג און נאָך א טאָג,
אט באלד
דער חלום האָט זיין אנפאנג, און זיין ברעג,
דער וואנדערער זיין שטעקן,
אויך זיין וועג.

זינגט, פייגל, פון ניט ווערן
זינגט און זינגט
דאָס שענסטע ליד פארשווינדט אויך
און פארקלינגט.
אויך לעשט זיך אוים א הארץ וואס האָט געברענט,
די זון האָט אירע שטראלן
אויך פארשוועגדט.

בלאָזט, קילע ווינטלאך, פארבלאָזט
פארבלאָזט
וואס דער זומער האָט נאָך זיך געלאָזט,
ס׳איז פון אים געבליבן
גאר ניט פיל.
איך וויל זיצן
ווייגען אין דער שטיל.

סעפּטעמבער טעג

בלענדן זיך רויט, די ווילד־צעוואקסענע
און רויט־צעפלאמטע פּאפּיעס־קעפּ
אנטקעגן דער סעפּטעמבער זון.
זיי זינגען אויס דאָס רויטע פיבער־ליד
פון ליידנשאפט פארן אונטערגאנג.

אנטקעגן זיץ איך אויף א באנק,
א פרעמדע פרוי זיצט לעבן מיר,
און מיט איר שירעמל זילבער־ווייס,
קריצט זי אין געלן זאמד א ווארט,
וואס בלויז א יונגער ליבעס־גאט
קען ענטפערן מיט רויטן פלאם.

עס פלאקערן אין בלויען שיין,
צוויי הערצער רויט ווי פּאפּיעס־קעפּ,
מיט איינגעהאלטנקייט ווי פידלער צוויי
פארגייען זיך אין א ציטערדיק דועט.
שפּילט אויס די ליידנשאפט
איר פייער רויטעס ליד.

און ניט באמערקטערהייט באהעפטיקט זיך דער ווילדער וואונטש,
באהאלטן איינע פון א צווייטן,
אין העלישן פלאם.

לעצטע פלאמען

די אסיען זון צעגיסט איר פלאם
אין קרײנקלאך רויטן רוים ;
די גאלדענע בלעטער בא דעם שטאם,
די געלע אויפן בוים.

דער קילער טוי אין פערל-גלאנץ
די בלומען צירט און בלענדט,
א לעצטער זיפץ, א טויטן-קראנץ
אן אומעטיקע ענד.

פארנאכטן

גאלדענע פארנאכטן, זונען אונטערגאנגען,
ארגל׳ם טיפע טענער, אין מיין הארץ דעם באנגן ;

זילבער־אש שפאלירן אויף די ווענט די ברייטע,
שיפענדיקע צונגען פון קאמינען רויטע.

רויטע האָר אין פייער, אויגן בלוי סאפירן, —
רייסט דער כשוף מאכער אויף מיינע פארטירן.

בלוטיקער געלעכטער, קוועלט מיט ווילדן ווילן,
קלעטערט נאכט אויף טישן, וויל מיין ווייטיק שטילן.

זיץ איך יעדן אָנפאנג פון אט די פארנאכטן
מיט א הארץ פון טרויער, מיט א בליק א פייכטן.

עס האבן שטיל גווינט די ראזן

אײדער ס׳האָט די נאכט דערצויגן,
ביז דעם מארגן, צו דעם פרישן,
האָט זיך עמיצער פאר׳גנבֿ׳עט
און די בלומען אויסגעריסן.

מיט דעם יונגן זאנפטן שמייכל —
איז דער נייער טאג געקומען,
נאר די ראזן אויף די בוימלאך
האָט ער מער שוין ניט געפונען.

אין דעם קעניגלאכן פאלאץ
בלאס, די קעפּ אראפּגעלאזן
אין א גאלדענעם קרוג מיט וואסער
האָבן שטיל געוויינט די ראזן.

דעמערונג

דורך גרין געדיכטע האלב פארטונקלטע בוימער,
וואס טרינקען שטיל דעם ערשטן אָוונט׳ס כוס,
פאר׳כשופ׳ט קוקט דער וואלד אוים ווי א טרוימער,
ארומגעזוימט מיט גאלד און פורפור־ראז.

ווי פעסט געקלאמערט זון און ערד צוזאמען,
באם אפשידס־וועג צעגיסן זיך אין פראכט;
די זון פארגייט אין הערלאך בונטע פלאמען
און מחנות שאטנס רוקן זיך באזאכט.

אין זיסע ווייען הארציקע און שטומע,
צאנקט פון טאג די לעצטע שטונדע מיד.
ווער האָט דאָס טיף פארוואונדעט מיין נשמה ?
ווער זינגט דאָס אוים מיין צער איצט אין א ליד ?

באם זונען אונטערגאנג

ס׳פארגייט דיין לעצטע שטראל ...
דיין שטילן „זיי געזונט" וועסטו מיר שײנקען
די גאנצע נאכט פארביינקט, ווי א פארליבטער.
נאָך דיר, מיין הערלאכע,
וועל איך דאָ ביינקען.

באם ווייטן גאלדנעם ראנד
וואו דו גייסט לאנגזאם אוים, וועל איך אויך ליגן,
און ס׳וועט א צארטער ווינט איבער מיין קראנקן קאפּ,
ווי מיט א צויבער ליד,
מיך זים פארוויגן.

און דורך דער לאנגער נאכט
וועט אלץ פאר׳חושכ׳ט זיין, און אפּגעמעקט די פארבען.
וועל איך א ווארימע האנט פארצווייפלט זוכן לאנג,
און פונקט, ווי דו גייסט אוים,
וועל איך אויך שטארבן.

בלעטער-גאלד

מיט טויזנט הענט געריסן האָט דער ווינט
דאָס רויטע גאלד פון בלעטערדיקן וואלד;
מיט א לאמטערן געמיטלאך האָט געשטראלט
די זון, פארשעמט ווי א צעשראקן קינד.

געגוג, געגוג, צו אלעס נעמט אן ענד, —
האָט ווילד דער ווינט געררוישט אין בלעטער-בלוט, —
פארגעסן זיך, איר האָט געלעבט צו גוט,
אין תאוה-ווילד האָט איר דעם צער פארברענט.

בא יעדן שטאם געקנוילט האָט זיך, געקרייזט
בארג אויף בארג מיט בלעטערדיקן גאלד,
און ווייט באהאלטן אונטער שטאמען וואלד,
האָט צארנדיק דער הימל זיך געגרויסט.
די צווייגן האָבן געשטרעקט מיט הוילע הענט,
דער רויטער פלאם האָט ווילד דעם וואלד געברענט.

דער פֿאַרבלאָנדזשעטער קלאַנג

א גלאק האָט פארלארן א גילדענעם קלאנג
אין דעם סטעפּ;
די הארבסטיקע גראזן — זיי האָבן געבויגן
צעשראקן די קעפּ.

זיין צער האָט דאָס ווינטל באקלאגט אויף די צווייגן
פון א טויט־שווארצן בוים,
דער קלאנג האָט געטראגן צוריק מיין
פארשאלטענעם טרוים.

די ערד האָט צעעפנט פון אפגרונט
דאָס פינצטערע מויל,
און מענטשלאכע קולות זיך האָבן געריסן
צום הימל מיט אנגסטלאכן גרויל.

פון גלאק האָט מען לאנג א קאנאָנע געגאסן,
פון לאנג,
דאָך טראגט זיך ארום נאך און קלאגט
אויף דעם פינסטערן גורל,
דער פארבלאנדזשעטער קלאנג.

די בריק

ניט פון דעמבעס, ניט פון שטיינער
ניט פון שטאל געדרייטע שטריק,
נאר פון שארבנס און פון ביינער
אויסגעצויגן ליגט דער בריק.

איבער ים׳ען בלוטיק-רויטע
ציט דער בריק און האָט קיין ברעג.
דוכט זיך שטימען ווי פון טויטע
רופן, מאניען מיך מיט שרעק.

כ׳הער זיך איין, די שטימען ברומען :
„קומט, א קומט, גייט ניט צוריק,
אלע, אלע מוזט איר קומען
פארטיק מאכן אונזער בריק . . .״

נאַקטיורן

א פלאַטער אין דעם פאַרבן־שפּיל,
פון זילבער־אַש און בלוי,
א דינער רויטער שטרייף,
א גאָלדענער פינקל,
און א צווייטער
און אויס . . .
א בלאַסע און פאַרביינקטע רויז
האָט שטיל דעם קאָפּ פאַרבויגן.

א גאַנצע מענגע שאָטנס בא די הענט,
אין גרינגן רינגען טאַנץ,
לאָזן ריטמיש זיך אַראָפּ,
און זי, מיט צניעות׳דיקע אויגן,
די בלאַסלאַכע לבנה
זי טוליעט זיך
אין הימלס ווייכן שוים.

איין אויגנבליק — געענדערט האָט זיך אַלץ,
ווער ווייס די טונקעלע כונה,
פון רויט אויף בלוי,
פון גאָלד אויף גרוי,
און די נאַקטיורן,
פאַנגט עמיצער אָן,
אויף א ציטערנדיקער סטרונע.

עלעגיע

געשטאנען איז ער מיט׳ן פּנים צו דער וואנט אזוי פארקלערט.
מיר האָבן אלע אונזער פריינט, דעם פידלער, דאן געהערט.
געשפילט האָט אונזער פריינט די עלעגיע, ניט געשפילט —
נאָר מיט א כשוף־שפיל דאָס גאנצע צימער מיט הארצוויי אָנגעפילט.

געציטערט האָט דאָס לעמפל, אויפ׳ן טישל, אנטקעגן מיר,
א שאטן האָט זיך אויסגעצויגן ביים ארייננגאנג פון דער טיר,
דער דרויסן האָט ארייגעקוקט צעוויינטיקט דורך א שויב,
און בעט איז זי געלעגן בלאס, די קראנקע שטילע טויב.

געזעסן בין איך ווי פאר׳משפט, צום ביינקל צוגעשמידט,
איר קראנקער אטעם האָט מיין פּנים מיט פייערן געברים,
געצויגן האָט זיך די עלעגיע, געגאסן און געגלעט,
א שטארבנדע מיט וויי׳טיק האָט פארענדיקט איר געבעט.

זיך אָפּגעריסן האָט דער טאָן, דער לעצטער, איז אוועק,
אונז אלעמען פּלוצלונג איז באפאלן א טויט שרעק,
א וויי׳טיק גיט באמערקטערהייט אונז אלע האָט פאריינט,
ער איז געשטאנען צו דער וואנט מיט׳ן פּנים און געוויינט.

דער לעצטער שטראַל

באַם ווייטן האָריזאָנט פאַרגייט
אין פּורפּור גאָלדנע ים׳ען
די דרום זון, און לאָזט נאָך זיך
די גלוטיק רויטע פלאַמען.

דער לעצטער שטראַל, ער האָט פאַרווײַלט
אומאַרעמט אין די צווייגן,
ער קושט זיך מיט אַ בלעטעלע,
אין הייליק־זיסן שווייגן.

אַ זיידן ווינטל וויגט זיי אײַן,
די זון איז שוין פאַרגאַנגען,
און אויף דעם גרינעם בלעטל׳ס שוים
דער שטראַל איז אויסגעגאַנגען.

באם קינדער בעטל

ס׳איז טיף די נאכט, ס׳איז שפעט די נאכט,
באם קראנקן קינדער־בעטל וואכט
די מאמע בלייך, דערשלאגן, מיד,
דאָס הארץ עס רייסט, עס קלעמט און ציט.

ארום איז שטיל, דער בלייכער שיין
פון לעמפל וויגט די מאמע איין,
עס קומט דער חלום קוים וואס, קוים,
און שפינט זיין בייזן, ווילדן טרוים.

א בייזער טרוים, א פרייע פעלד
אין איינזאמקייט אויף גאנץ וועלט,
די מאמע בלאנדזשעט לאנג ארום
אין טויט־שרעק, מיד, צעבראכן, שטום.

עס הוליעט פריי דער ווילדער ווינט,
דער מאמעס ארעם דריקט דאָס קינד,
און פון דעם וייטן, שווארצן וואלד
באוויזט זיך פלוצלונג א געשטאלט.

עס גייט, עס קומט, איז נעבן איר,
און זאגט : „דיין קינד באלאנגט צו מיר,
און גיסטו מיר דיין קינד ניט באלד,
דאן רייס איך דאָס אוועק מיט גוואלד ! ”

די מאמע וויינט, די מאמע קלאגט :
„קיין אוצרות האָב איך ניט פארמאגט,
דאָס קינד איז גאר מיין טרייסט, מיין גליק,
ניט רייס א מאמעס הארץ ניט פליק”.

דער ווינט, ער וואיעט, און ער קלאגט,
דער אומבאקאנטער לאכט און זאגט :
„צו מיר באלאנגט די גאנצע וועלט,
און רואיק איז אין מיין געצעלט.

ניטא קיין קראנקהייט, זארג און פיין,
ניטא קיין פינצטערניש, קיין שיין,

ניטא קיין ליבע, האס און נויט,
ניטא קיין לעבן און קיין טויט,
אויך קיין מיטלייד און קיין טרער, —
דיין קינד, נו, גיכער, גיב אהער ! ״

פארשוואונדן איז די בייזע נאכט . . .
די מאמע פון איר שלאף דערוואכט,
די אויגן קוקן ווילד און גרוים.
דאָס קראנקע קינד שטיל שעפטשעט אוים :
—„אַי . . . מאַ . . .״
די מאמע לויפט צום בעט, —
נאר, אך ! — פארפאלן . . . ס׳איז צו שפעט . . .

א טאג א געשיינקטער

א טאג א געשיינקטער אין הארבסטלאכן טרויער
מיט רויטן און געלן די קעפ פון די בוימער.
פארשוואונדן דער צודעק פון אויבן, דער גרויער,
דער הימל ווערט טיפער און בלויער און ריינער.

און רויטע, ווי פורפור פון מזרח, די פלאמען
זיי שפיגלען זיך אפ אין די טונקעלע שויבן,
און האפנונגען זיסע, איך וויים ניט פון וואנען,
זיי קומען אין מחנות, ווי שניי־ווייסע טויבן.

א טאג מיין געשיינקטער, אין צייט, אין דער גרויער
עס ברענט זיך פאנאנדער מיין הארץ מיט א פייער,
ווייל דו ביסט געבוירן אין אומעט און טרויער
דארום ביסטו מיר אזוי ליב, אזוי טייער.

דאס ציגײַנער אינגל

שוואַרצע האָר ווי פּעך, די אויגן
ווי צוויי רויטע טיפע פלאַמען,
און זיין קערפּער איז האַלב נאַקעט
בראַנז אַזוי ווי בײַ זיין מאַמען.

„העי, ציגײַנערל דו טײַוול,
שפּיל אַ פריילאַכס, שפּיל אַ לידל,
נאַ, אַט האָסטו אַ כזית,
ניט געפוילט זיך, נעם דעם פידל“.

בעט אַ פּויער זיך האַלב שכור:
„אַ, מיין קאָפּ איז קראַנק פון זאָרגן,
שפּיל איך וויל מיין הײַנט פאַרהוליען,
און פאַרגעסן וועל דעם מאָרגן“.

פון דער טאָרבע שלעפּט די פידל
דאָס ציגײַנער ברוינע אינגל,
שווײַגנדיק קוקט אויפן פּויער
מיט אַ שאַרפן אויגן־פינקל.

„פּאַ ציגאַנסקי“, שרייט דער פּויער,
בויגט זיין קאָפּ אום אויפן אָרעם,
טוט אַ שפּיל, אַ סקריפּ דאָס אינגל,
רײַסט זיך דורך אַ ווילדער שטורעם.

„פּאַ ציגאַנסקי“ טוט אַלאַז זיך,
מיט אַ טופּע, מיט אַ שווערן,
פון זיין אָרט דער הויכער פּויער,
אויגן רויטע, פול מיט טרערן.

„כ׳וויל פאַרהוליען, כ׳וויל פאַרטרינקען
מײַנע טעג און מײַנע יאָרן,
נאַ, צערײַס מיר מיין נשמה
מיט דיין שפּילן, מיטן שטורעם.“

שנעלער, גיכער, שפּילט דאָס אינגל,
דאָ צעוויינט ער זיך, צעקלאַגט זיך,
אויף זיין שטומער שפּראַך, דער זיסער,
רעדט צום הארצן און באקלאגט זיך.

און אט נעמט ער אזוי טרייסטן,
ווי א קוואל הויבט אן צו פליסן,
און די טיפסטע האפנונג סודות
נעמן זיך פאנאנדער שליסן.

פלוצלונג נעמט זיין פידל פלאמיק
ווי א טייוול לאכן, שפּעטן,
און ער שמייסט מיט הייסע ריטער,
און עס העלפט ניט קיין בעטן.

און ער רייסט דאָס הארץ אויף שטיקער,
און ער שטראפט, פארגאלט, פארביטערט,
ס׳פאלט דער פויער צו דער ערד צו,
שרייט : „געווּג, געווּג", און ציטערט.

נאר פארקאכט אין ווילדן שפּילן,
דאָס ציגיינער אינגל סקריפּעט,
און ער הערט ניט ווי דער פויער
בעט זיך רחמים, און ער כליפּעט :

„האָב רחמנות, האָב רחמנות
דו ציגאנסקי ווילדע אומה
אין מיין מוח ברענט א פייער,
עס וועט פּלאַצן מיין נשמה.

"כריסטא ראדי", כ׳בין ניט שולדיק,
אָ, געווּג מיין פּיין צו וועקן.
בלוט ! וואס איז דאָס ? בלוט !
די קליידער זיינען פול מיט רויטע פלעקן ?

„וואַרט א ווײַלע, וואַרט ציגײַנער,
נײַן, ניט איך, ס׳איז א ליגן!"
נאָר דאָס אינגל שפּילט נאָך ווילדער,
שפּילט און ווערט גאַר ניט אַנשוויגן.

„בלוט א טײַך, דאָס בלוט פון קרבן,
הער איך ווילד אַרום מיר זידן,
א, א שאָטן ציט זיך אויס דאָרט
פון דעם לאַכנדיקן אידן".

„זײַ מיר מוחל, כ׳האָב חרטה,
א, ניט שטיק, א, דײַן נקמה,
ס׳ברענט א פײַער אין מײַן מוח,
א, ס׳וועט פּלאַצן מײַן נשמה."

ס׳פאַלט דער טאָג שוין אין די אָרעמס
פון דער טונקעלער נאַכט, דער קילער,
דעם ציגײַנערס וואונדער פידל
ווערט ניט מידער, ווערט ניט שטילער.

נאך אלעמען

אפגעשפּילט און אפגעהוליעט —
ס'האָט דער זומער אלץ פארלארן,
פון זיין רייכטום איז א בערגל
ברוינע שטויביקייט געוואָרן.

קומען שאָטנס פון פרימארגן
איינגעהויקערטע זיך וויגן,
פוילט די זון זיך פון באגינען
גייען פון די גאלדענע שטיגן.

שפּילן ווינטלאך ציטערדיקע,
טאנצן אום אויף שטענגלאך קרומע,
ווי א גזלן כאפּט א פיבער
פלוצלונג פעסט אום מיין נשמה.

שטייט אין מיטן פעלד א בלימל
מיט אראפּגעלאזטע ברעמען
און עס שעפּטשעט שטיל א קדיש —
ווייס איך אָבער ניט פאר וועמען.

ניי היים

אין מיין נייער היים

אין מיין נייער היים,
אין מיין פרייער היים
שעפּטשען שטימען אפּט,
שטימען אין געהיים :

"אונזער לאנד איז גרויס,
אונזער פרייהייט פעסט,
נעם און בוי זיך אויס,
וואו דו ווילסט דיין נעסט.

ווילסטו אויף דעם בארג
ווילסטו אין דעם טאל —
אונזער ערד פארמאגט
אוצרות גאר אן צאָל".

איך זיץ פארטראכט, און הער,
שאָקל מיטן קאפּ,
ס'שרעקט מיך שטיל מיין הארץ :
גארט מיך ווער ניט אפּ ?

יא, די שטימען צארט
שעפּטשען אין געהיים —
דאָך — מיין הארץ, דאָס גארט
נאך מיין אלטער היים !

הפקר

אָן א דאך, און אָן א שוועל
אויסגעטאָן, און אויסגעשפאנט:
אלע וועגן ליגן גלייך,
אלע לענדער ווי איין לאנד.

הפקר, ווי דער הונט לויפט אום.
וועמען דארף איך, ווער דארף מיר?
ס'איז די גאנצע וועלט מיין הויז
דאָך פארשלאָסן יעדע טיר...

ריים איך פון מיין הארץ ארויס
מיט א ווייטיק, און מיט שפאט
יעדע פוילקייט פון דער צייט,
אויך דעם אפגעלעבטן גאט...

הפקר, ס'איז מיר גוט אזוי.
ס'האָט פאר מיר ווער צעגעגרייט
רויטע זונען פאר'ן אויג
און א נייע וועלט מיט פרייד.

קלויסטער שטאט

קלויסטערס הויכע, קלויסטערס גרויע
וואו איך טו א טראט.
ארגלס שרייען מיט א קוויטש און מיט א בייזער,
פון די גאטיש־גלאנציק־שמאלע פענצטער
אויפן גאס ארויס.

אויף די שטיינערנע קרעלעצן,
בוקן זיך די האלבע קריפּלס,
דורך די אפענע ברייטע טירן
פינקלען ברענענדיקע ליכט.

איבער דעכער קלינגען גלעקער. —
טעמפּע קברים׳דיקע תפלות,
און זיי רופן, רופן, רופן :
צום קלויסטער, ביים קלויסטער, אין קלויסטער. . .

צוגענאגלט ביז צום הימל אויפן קרייץ
היינגט דער אפגעלעבטער גאט.
קלינגט און קלינגלט מיט א פרומקייט :
צום קלויסטער, ביים קלויסטער, אין קלויסטער.
און עס וויגט זיך אין די קלאנגען
אום מיין קלויסטערדיקע שטאט . . .

קאנאדער מאטיוון

ברייט דער טייך סענט-לארענס
מיט זיין זילבער שוים,
וויגט זיך אין די ברעגעס
גרונדלאז ווי דער ים.

און די וועלדער ברעגעס
מיט די בערג פון שטיין,
סוד'ען זיך פון צייטן
גרויע און געהיים.

ס'האָבן אינדיאנער
שבטים דאָ געוואוינט,
טאג ווי נאכט געהאוועט,
טרוימן אויסגעטרוימט.

אין די גרויעביידלאך
אויסגעשלאגן ברייט
צווישן ברוינעם מייפל —
בוימער זיך פארשפרייט.

פלעגט די נאכט, די בלויע,
טוליען זיך צום וואלד,
און די שטערן שפינען
נעצן, דין פון גאלד.

רוישיק בא די שאטרעס,
אין דעם פלאקער רויט
זיצן אינדיאנער,
עסן אָוונט ברויט.

אויסגעצירט אין פעדערן,
גרינע, בלויע, רויט,
אויסגעקריצט פיגורן
אויף דער קופער הויט.

רויכערן די ליולקע
אין דעם ענגגן קרייז,
הערן די לעגענדעס
פון דעם עלטסטן גרייז.

וויגן זיך דיביימער
אין דער נאכט אריין,
ציען זיך נגונים
אָנגעזאפּט מיט פּיין.

זינגען אינדיאנער ?
בעטן זיי אצינד ? —
טראגט אוועק דער ניגון
ווייט, גאנץ ווייט, דער ווינט.

וועבן זיך לעגענדן
אין דעם אוונט-שוים,
און געהיימע שאָטנס
שפּרייטן שטיל זיך אוים.

און די וועלדער ברעגעס
מיט די בערג פון שטיין
סוד'ען זיך פון צייטן,
גרויע און געהיים.

אין דער פרעמד

קום איך דאָ, ווי יעדן טאג,
גלאט אזוי זיך, עפּעס פרעמד,
צווישן טאג און נאכט, פארביינקט
צווישן גרויע הארטע ווענט.

קוקט א גלאנציק רויטלאך אויג
דורך א גרוים פארבלויטן לאך.
שלעפּן מענטשן פּעק מיט לאסט
און זיי שרייען : "גיב אונז נאך".

שניידט דער שניטער אזוי פלינק
העלזער אויסגעשטרעקטע, גרייט.
טויט און אומגליק האנט אין האנט
טאנצן אום מיט גלויבנס-פרייד.

קום איך דאָ, ווי יעדן טאג,
אט אזוי זיך, עפּעס פרעמד.
ניט מיין טאג און ניט מיין נאכט
אויך ניט מיינע גרויע ווענט.

ווינטער

ווייסע טויטע גאסן,
טויטע ווייסע ווענטן,
פליען אום די ראבן,
און די טעג פארשעלטן.

נאָר ווי מכשפות
ווינטן ווילד זיך טראגן,
מיינע נעכט די לאנגע,
יאמערלאך באקלאגן.

און די הינט זיי בילן
אויף די פוסטע הויפן.
ווילט זיך פון דעם אומעט,
און פון זיך אנטלויפן.

מאנטרעאל פארטאג

ווי א ריזן שטאלצע מחנה,
אונטער הימלס בלויקייט ווייכע,
ציען זיך די בערג, באוואקסן
מיט די גרינע וועלדער הויכע.

מאיעסטעטיש, ווי געקרוינטע,
אפגעגלידט דיביימער שפיצן,
קוקן זיי אין טאל אין טיפן,
וואו זיך ווייסע נעבלען גליטשען.

שטיל ארום. בלויז פון דער וויטן
ציטערט, קלינגט שטיל אין באגינען,
ווען דער מארגן נעמט זיך וויזן
דורך גרוי־זילבערנע גארדינען.

און העט אונטן ביים סענט־לאָרענס,
וואו דעם ברעג די כוואליעס וואשן,
איינגעהילט אין דינע שלייערס,
רואיק דרעמלען נאך די גאסן.

בלויז די פרומע קאטאליקן
אין די שווארצע מאנטלען לאנגע
ציען פארנווייז צום קלויסטער
לעבנסלאזע, און פארלאנגען.

און די פייגל זינגען, זינגען —
אוי, ווי שיין, ווי ליב און גערן!
כ׳וואלט זיי צוואנציק זומערס ווידער
גארניט מיד געוואָרן הערן.

זינגט מיר, פייגל, זינגט מיר פריילאך,
דען ארום איז שווארץ, א מורא,
און דער מיטלאלטער שפרייט דאָ
וויט זיין ווילדע מרה־שחורה.

לאנגער ווינטער

ביז ווי לאנג עס וועט נאך פליען
ווייסער פוך אויף פוך דעם וויכן,
האָט דאָך קיינער ניט געוואוסט.
האָט דער ווינטער בלייאיק-כמורנע
זיך געלייגט אויף יעדער ברוסט.

האָבן ווינטן, רויע ווינטן, אויפגעבלאזן קעגן דרום.
און מיט פראסטיק ווייסע פינגער,
ווייסער פון א ווייסער טויב,
האָט געמאלן וואלד און גארטן,
לעגענדארע אלטע בוימער, —
די געמעלן וואונדערבארע —
אויסגעקריצט אויף יעדער שויב —
און באהאלטן זיין נאמען.

ביז צום זומער — ווייסע וועגן,
וועגן שנייאיק — אייז אלבאסטער,
מארמאר אפגעגלאנצטע ווענט.
האלט די קאלטקייט אן איר פייער,
אין דעם פייער בליט א יוגנט,
און אויף ווייסן ליכט צעהאנגען
רויטע גלוטיקע פרימארגנס,
און אויף שפיצן קלויסטער צלמים
ברענט דער ווינטער אוים זיין צארן
אפשר אויך זיין פרייד דאָרט ברענט.

איינגענורעט אין זיין ליולקע
בא דעם רויטן פייער-פלאם
זיצט מיין שאטן — אט אזוי זיך סתם.
און אנטקעגן ליגט איר שאָטן
אין דעם בלויען פלאם, דעם שטילן
וואס ער צאנקט אוים באם פארגיין.
גיסן הערצער זיך דאָ איבער,
ווי ווואריאציעס פון א זינגער,
אין א גאלד אקארדן-שפיל.

וווערן רויטער נאך די ווענט
גיב איך איבער איר מיין ציטער
דורך דעם אָנריר מיט די הענט.

אויפן טיש, אין בלויען וואסער
פון קרישטאלענער ברייטער וואזע,
טאנצן גאלדענע פישלאך פריילאך,
ווי די זארגלאזע מינוטן פון א קינדהייט
(נאר ניט פון מיינער)
קעגן זילבערדיקן שיין.

שפילט א גאלד געלאקט מיידל,
אויף דער פיאנא בא א שכן.
און זי וויגט מיך אין דעם טיפן
ליד פון לאנגן ווינטער איין.

טאראנטא

בא דיר צופוסנס שטראמט דער בלוי־אנטעריא לייק
פארפלאכטן ווי מיט ברוין און גרינע צעפּ.
די מייפל וועלדער דיינע,
און גערטנער פול מיט גרינצייג און מיט אויבסט.
עס גיסט דער נעקטאר אזוי מילכיק־ווייס
און הויך פון פרייד זיך הויבן דיינע בריסט.

צענעמסטו דיינע ווייסע־זילבער הענט,
אנטקעגן זון־ליכט,
און לאכסט אריין אין לופט דיין יונגע פרייד —
שענסטע שטאט
פון קאנאדער שטעט,
דערהויבענע דאָך טראנלאזע געטראנטע,
צופוסנס שטראמט בא דיר דער בלויער לייק —
שיינע שטאט טאראנטא.

באגינען שפּילסטו זיך אין בלומען־שפּיל,
אויף פארביק־זאנפטע בייטן,
אויף שנירלאך צולעסטו די ווייסע ציטערדיקע טוי־פּערל,
פון מזרח לויפן אָן די ווינטלאך,
די שטיפערקעס, דו אטעמסט מיטן זיסן היי־דופט
וואס שכור'ט אָן די לופט.
אויף גרינע שפּיצן בערג,
יונגע וועלדלאך זינגען דיר דאָס ליד
דאָס אל־באקאנטע
שיינע שטאט טאראנטא.

דער קלויסטער רופט

דער קלויסטער רופט צום בעטן אין פרימארגן
זילבער־שארף די גלעקער קריינקלאך קלינגען,
אונטער ארגל פרויען שטימען זינגען
"גאט פון אויבן וועט שוין אלץ פארזארגן".

די בעטלער שטייען—מען דארף דאָך בעטלער האָבן.
די רייכע רואיק טרעטן גאטס שוועלן,
אויסגעצירט אין סאמעט, זיידנס העלן,
און בעטלער שטייען די אויגן טיף באגראבן.

עס הערט זיך קוים דער קלאנג פון קליינעם קופער.
דער בעטלער זיפצט, שניידט דאָס הארץ אויף צווייען
און פריילאך קוקט אראפּ דער נייער מארגן.
די וועלט איז פול מיט מענטשלאכקייט און יושר,
מלאכים אין דעם בלויען רוים זיך פרייען,
ווייל אויף דער ערד וועט גאָט שוין אלץ פארזארגן.

פּעוואַל

די ווייסע שיינע שטאָט, די ווייסע ווינטערדעק;
דער פּאַרק אין ווייסן קלייד פון קיינעם ניט געוועקט;
דאָס פאַרקאַנדל געווייסט, די בוימער שטום און מיד —
ווערט אפשר אין געהיים געשאַפן דאָ אַ ליד?

דער ווינטער בלאַנדזשעט אום — אַ טיפער אַלטער גרייז —
זיין פּעלצל אָפּגעשנייט, זיין לאַנגע באָרד איז ווייס.
און בלויער קנוילט דער רויך פון הייזער ווייט אַוועק,
צום האָריזאָנט זיך ציט אַ ווייכער גלאַטער וועג.

דער מעריב־הימל רויט, די פליגל ברייט צעלאָזט,
עס זאָגט דער נביא אָן אַ ברענענדיקן פראָסט.
איך נורע זיך צונויף ביים אָוונס רויטן שיין
אין מיסטעריעזער טיף מיין מוח גראָב איך איין.

דערהער איך עפּעס ווייגט, צי אפשר עפּעס זינגט?
מעטאַל פאַלט פון דער הויך אַראָפּ, אַ גלאָק צעקלינגט,
אַ וועלט פון אונטערגאַנג שטייט אויף מיט טיפן ווי
די מענטשן זיינען אייז, די קלויסטערס זיינען שניי.

ציוויליזאציע

רידל גראבט די רויע ערד,
שניידט די זעג דעם מייפל בוים,
אונטער בלויען הימל שיין,
ווערט פארווירקלאכט שעפערס טרוים.

זעגל־שיפן, האנדל קאכט.
ווייץ און אויבסט פול דער מארק,
גראבט מאשינע ברייט א וועג,
דורך דעם העכסטן מאָנטן־בארג.

רעלסן־קלאפּ און באנען פלי,
בא די ברעגן אין געיעג.
פאלן קערנער, דאָך פארגאלט
אויף דעם ערשט פארזייטן וועג.

פעלזן פיינלאך אויפגערעגט
בלוטיק זון צערייצט און גלימ,
הערצער ווערן אָנגעפילט
מיט אויפרייסונגס דינאמיט.

פראַסטיקע נאַכט

אין זילבער האָט די נאַכט זיך ווייס פאַרצירט,
מיין האַרץ צערייסט דאָס מיאַקען פון אַ קאַץ,
און אונטער מיר דער שטרויענער מאַטראַץ
צענויפגעדרייט — סקריפּעט, פּראָטעסטירט.

נאָר טיף אין מוח פּלאָנטערט זיך אַ זאַץ:
"די שיינע צוקונפט ענדלאַך טריאומפירט".
דאָך ווער איך ענדלאַך טיף אין זיך געריהרט
אַך, עסן גלוסט זיך, ווײַ, איך פּיל איך פּלאַץ.

דער טייוול שטייט צוקאָפּנס, און ער לאַכט
די קאַץ זי מיאַוקעט צום הימל הויך אַרויף.
צו וועמען זאָל איך בעטן אין קאַלטער נאַכט
איך דלות-פּרינץ אין שטרוי-געבעטן-בעט ?
די גאַנצע וועלט וואָלט איך דאָך אויסגעלאַכט
ווען כ'וואָלט געהאַט אַ שטיקל סיגאַרעט.

דער ווייסער יום טוב

ניאגארא וואסער פאל מיט דיינע וואסער שוימען
פון אויפגעוואכטע טרוימען וואס שטייגן פלאמיק העל, —
מיט ווערטערלאכע פערל א האלזבאנד וויל דיר שמידן
צום ווילדסטן הויך דערהויבן האָסטו מיין מידע זעל.

אַנטציקט בא דיין צערוישטן, און ווייס צעשטויבטן שימער,
איז פלוצלונג שטיין געבליבן מיין קלאפנדיקע ברוסט.
פארגאפטע אויגן מיינע צעגלאצט איבער דיין וואונדער
אין קאָכן קאלאסאלן און שפרינגנדיקער לוסט.

האָסט אויפגעוועקט מיט רייצונג, מיט ווייסן שטארקסטן כישוף
דאָס אינערלאכע טיפע, דאָס דיכטערשע אין מיר,
און לידער שיין-געריימטע, געדאנקען גאלד-געוואלקנט
באהעפטן זיך און צינדן אין זעלטזאמען קאליר.

אט זע איך ווייסע גייסטער, אין לייוונטן געהילטע,
ווי גרויסע מחנות שוועבן אין נעבלדיקן קרייז.
פאר דיינע זילבער שוועלן צעשיטן זיי רובינען
און קושן דיינע זוימען, פארשווינדן איינציקווייז.

מיט זיידענע רעגנבויגנס ווי פאָרהאנגען פארהאנגען
מיט אונזיכטבארע פינגער, די פארבן דין געשפינט,
פאר דיר ניאגארא-פאל א קעניגלאכן פארמעגן
עמיצער אין פרימארגן געלאזט האָט מיטן ווינט.

ווער קאן עס וואכיק פילן בא דיין צעברויזטער שמעטער?
פון טויזנט פויקן הילכיק, איבער דער ברייט און לייג,
דאָס קאָכן פון דיין וואסער אויף מיילן, מיילן וויטע
ווען טיפסטע שווארצע תהומות פאר דיר זיינען צו איינג.

ווי מיליאנען ווינטן צו דיר וואלטן געפלויגן
געשליפן זייערע צונגן ווי פיילן שארף און דין;
דיין וואָרט איז נאָך פיל שארפער, די סודות דיינע טיפער —
ווער קאן דיין פרייהייט שטערן, ווער ווייסט פון לויף דעם זין?

מיין מענטשן־שפּראַך איז אָרים, געפילן שוואַך און מילביק
אַ שטערבלאַכער — וואָס קאָן איך אין שיין פון קורצן גליק ? . . .
ווען דו וועסט אייביק שטורמען, קאָכן, שוימען, פליסן
און אייביק ניט דערזעטיקט וועט זיין דיין וואונדער־בליק.

מיין נייגער אַ צערייצטער אין חדוש׳דיקן פלאָנטער
ווער האָט דאָס דיינע זילבער און וואַסער־לאַנגע צעפּ
געפלאָכטן איבער פעלזן פון אויבן ביז אַרונטער
די קרוין אויף דיר געמאָסטן פון ווייסע אָדלער־קעפּ ?

ווער האָט דאָס דיר אַנטקעגן דעם שפּיגל־טאַץ געטראָגן
דעם זוניק־העלן שפּיגל אין בלוי סאַפּיר געגילדט ;
ווער האָט דאָס בא דיין פאַלן, אין זילבער שוים צעשטויבטן,
דאָס ערשטע ליד ניאַגאַראַ אין מאָרגן־רויש געשפּילט ?

ווער האָט דעם גרינעם מאַרמאָר מיט אָדער דיקער ווייסקייט
געפלאַסטערט דיר צופוסנס אויף מיילן, מיילן ווייט.
אין קאַנפעטי געמאָלן ווי זילבער שטויב צעשאָטן
איבער די אַקסלען דיינע אַזוי שטיפעריש פאַרשייט?

אונטער די ווייסע נעבלען אין דימענטענעם שפּריצן
וועט וואַגן ווער דיין פאַרהאַנג באַרירן אין דעם גלאַנץ,
ווער האָט דאָס דיך געבענטשט, און אפשר גאָר פאַרשאָלטן,
אַז אייביק זאָל זיך ציען דיין קאָכעדיקער טאַנץ ?

עס קלאַפּן טויזנט פויקן בא דיינע וואַסער־שוועלן
מיט נאַקעטקייט, אומרואיק, פאַר גאָר דער וועלט אַנטפּלעקט.
אַך ! מיט דיין ווילדן קאָכן און יובלדיקן רוישן,
מיט אומרו מיין נשמה האָסטו אויך אָנגעשטעקט.

קאיוגא

אויף דער שיף קאיוגא זיינען מיר געפארן
איז דאָס בלויע וואסער לויטערער געוואָרן,
איז דער גראציעזער מאסטבוים אויפגעשטאנען,
האָבן זיך געהויבן וואלקנס ווייס ווי שוואנען.

און באביידע ברעגן האָבן זיך געצויגן
יונגע גרינע וועלדלאך בלענדענדיק די אויגן;
יונגע גרינע וועלדלאך שאטנס ווייט צעשפרייטע
האָבן ווייך גערופן : "קומט, מיר זיינען גרייטע".

איז די זון נאך העכער בלאנקער אויפגעגאנגען,
האָט געשפילט א ווינטל אויף די גרינע זאנגען ;
האָבן זיך באהאלטן קוסטעס אין די טאלן,
און די פעלדער פארביק האָבן זיך געמאלן.

און דער לייק, א פרישער, לויטער אין פרימארגן,
האָט אין זיך דערטרונקען אלע מיינע זארגן.
שפילט די מאנדאלינע, כוואליעס ווייס זיך שוימען,
גייען אויף אין הארצן וואונדער-שיינע טרוימען.

דער גרענעץ

עס הייננט דער בריק אויף פעסטע שטאנגען
די זון שפילט אויף די סטרונע־שטראלן ;
מיין פרייד איז ליכטיק אויפגעגאנגען,
פון אונטן קאכן וואסער־פאלן.

דאָס אויג פארבלענדט פון פארב און פייער,
מיין הארץ עס זינגט אָן גראם און מעטער,
פארטרונקען אין די רויזן ימים
אנטבלויזטע באדן זיך די געטער.

איך גיי, די בריק אין גאלד געטונקען,
געמיטלאך שמייכלט אלץ אנטקעגן.
עס האָט ווער פלאמיק אנגעוואונקען,
און פרייע ציען זיך די וועגן.

נאר פלוצלונג שטיין בין איך געבליבן —
ווער וויל עס מיר מיין פרייד צעשטערן ?
איך האָב די אויגן אויסגעריבן :
א גרענעץ־שטאנג, א פאָן מיט שטערן . . .

א גרענעץ צווישן לענדער שוועסטער ?
דער ברעג איז מיטן האנט־דערלאנגען,
מיין הארץ נעמט קלאפן פעסטער, פעסטער,
ווי, ניט דערגרייכבאר די פארלאנגען . . .

דער שומר

"דיין פאספארט!" — פלאצט ארוים דער שומר.
איך לאך גוטמוטיק זיך פאנאנדער.
"איך ווייס ניט", זאג איך, „פון פאספארטן,
אויף מיין בייזוואגלדיקן וואנדער.

א פאספארט? — זאג, צו וואס מיין יחוס,
מיין הארץ איז ריין, דאָס בלוט איז לויטער
איך שטאם פון ריינע וואגאבונדן,
מיין גייסט . . . מ'דארף שוין מער ניט רויטער.

איך טראג מיט זיך קיין קאנטראבאנדן ניט
קיין שנאפס, בלויז אויגן וואס זיי בלאנקען
און אויב דו ביסט אויך א פסיכאלאג —
לעז די פארבאטענע געדאנקען.

איך וויל דעם געלן טייוול זען בלויז,
דעם געלט־זאק, אויך דעם גרעסטן עושר.
מען זאגט אפילו פאר די ארימע
איז זיין הארץ א קוואל פון יושר . . ."

דער שומר לאכט מיט שארפע שפיזן
ווי נאך א שרעקלאכער מפלה
"גיי!" — האָט ער מיר זיין פויסט געוויזן
און נאכגעשיקט א בייזע קללה . . .

דער וואסער גלאק

ערגעץ ווייט אין מיטן וואסער, אויף די שווארצע בייזע כוואליעס
האָט עמיצער אויפגעהאנגן א פארשאלטענעם וואסער גלאק.
קלינגט דער גלאק און רופט פארצווייפלט,
טאג ווי נאכט געוויגט פון כוואליעס, וואס זיי זיינען אויך פארשאלטן
קיינמאָל רואיק ניט צו בלייבן אין דעם קאכעדיקן גרוב.

עס כאפן זיך ארויף אפט ווינטן אויף דעם גלאק אין נעכט, די ווילדע,
און צעוויגן אין דער לופטן דעם גלאקס קלאגעדיקן צונג.
כאפן אויף זיך פון די נעבלען די פארבלאנדזשעטע מידע שיפן,
ווי פארבלאנדזשעטע וועגן־זוכער אין דער טיפקייט פון דעם וויסן,
צו די זוכער פון דער גאטהייט אין דעם ווייטן לאבירינט.

טראגן זיך אוועק די שיפן פון דעם ארט, וואס איז פארשאלטן,
וואו אונטער דעם טיפסטן וואסער, אבער דעם גרענעצלאזן וויסן
ליגן איינגעבראכענע זעגלען איבער בלויע טויטע קערפערס,
אבער גאר סקעלעטן ביינער.

נאָר פון אויבן, ווי א מצבה איבערן שווארצן בייזן וואסער,
וויגט זיך קלינגנדיק דער גלאק
און ער שרייט מיט קולי־קולות,
און ער שרעקט מיט וויסטן קלאגן :
"היט זיך, היט זיך. א סכנה".

ס'איז דאָס וואסער זייער טיף
ס'איז דאָס וויסן זייער טיף
קלינגט א ווידער קול פון ווייטן :
טיף . . .

לייקוויו ווילא

פארנאכט. אויף ווייטע, ווייטע ריזן מיילן
דער טאג פארביי דעם וואסער איז פארגאנגען,
דער בלויער שפּיל אין שוימנדיקע כוואליעס,
ווי בערג אויף בערג דער לייק איז אויפגעגאנגען.

לאז פריי, מיין הארץ, דעם איינגעהאלטנעם ריטם,
ניט לאז זיך אין דעם טרויער־פאנג פארלירן
א ביסל פרייד פון ניט געצאמטער פרייקייט
מיין מידע זעל אויף פריידיק ווילדע כוואליעס,
ווי פרייע ווינטן שאלטן און רעגירן.

די שיף גייט אויף אויף בערג צעוויגטע כוואליעס.
עס קאכט דאָס וואסער און שוימט מיט זיסן שמייכל :
אהער, מיין שטילער אומעטיקער זינגער,
דער טויער אָפן שטייט פון וואונדער היכל !

אויף מיינע פלאכן און מיינע שווארצע טיפן,
די וואסער מיידלאך טאַנצנדע וואקכאנקעס,
מיט זילבער־צעפּ און הילכיקן געלעכטער
רופן אוים — "וואו איז אונזער באשערטער? !"

הויבט העכער שיף דעם מאסטבוים צו די וואלקנס,
עס שלאגט מיין הארץ ווי די טראמפּייטן־שאלן ;
די ווילדע כוואליעס יאגן זיך מיט אימפּעט
און בא די ברעגעס זילבערדיק צעפאלן.

איך קום, איך קום, צו אייך פון ווייטע ווייטן
די אויגן ברייט צעעפנט מיט א שמייכל,
מיין שיף טראָג גיכער צו יענע פרייע ברעגעס,
צו דעם רייכן שפּיגלדיקן היכל.

זינגט, זינגט מיר פריידיק, וואסער מיידלאך, שטאַרקער
צעשיט די צעפּ אין זילבערנעם געלעכטער
מיין זעל זי בייִנקט נאָך פרייהייט און נאָך לעבן,
איך וועל אייך זיין אן אמת׳ער באַשערטער.

פאַרנאַכט, ביים וואסער, וועל איך זיך פאַרגעסן.
אומעט — שפּרייט ניט אויס דיין נעץ צום פאַנגען,
דער בלויער שפּיל פון ברויזנדיקע כוואַליעס
גייט אויף פאַר מיר אין גליקלאַכע געזאַנגען.

גרענדזש פארק

מיין אומרו לעשט זיך אוים. א קינדערשער געלעכטער
פארפילט די בלויע לופט אונטער דעם גרינעם שיין ;
די זון הייגגט אין דער מיט אויף דימענטענע בענדער
און קוקט דורך צווייג-געפלעכט אין הארץ צו מיר אריין.

די ווינטלאך שוועבן אום ווי ציטעדיקע פינגער
פון ווירטואז אויף סטרונעס, אין גראציעזן בלענד.
אט קושן זיי מיר אוים די בלייכע דינע ליפן,
אט גלעטן זיי מיין קאפ מיט ווייכע פרויען-הענט.

די ביימער נידריק מיט פרישע, גרינע בלעטער,
זיי בויגן אוים די קעפ מיט הארציקן גענאנג,
די שעה'ן שטארבן אוים, ווי קוים באמערקטן טרוימען,
די אומבאשטימטע שעה'ן — זיי טוען גאר ניט באנק.

עס קלינגט א קלויסטער גלאק און מאכט מיין אומעט טיפער
אין שאָטנס טוט זיך אָן דער גרענדזש פארק טונקל-גרין.
מיין העפט ליגט אין מיין האנט. א געדאנקען-קייט שטיל ציט זיך
און ס'דוכט זיך, ווי דער זייד-ווארים, איך שפין א זייד און שפין.

ווער וועט מיין זיידנס נוצן, באצירן די נשמה ?
עס דרעמלט איין דער גרענדזש פארק אין ווייכן גרינעם שיין
די זון קוקט — דוכט מיר — סקעפטיש, פון ווייטע הויכע ספערן,
דורך גרין געדיכטן פלאנטער אין הארץ צו מיר אריין.

אין קאר

פארשפעטיקטע פארלעך פון טענץ און פון בעלער
צוריק פון פארפיום און פון רויך און פון ווײן,
זײ זיצן אין קאר און ווי טײבעלאך פרומע
זיך קוקן פארקאכט אין די אויגן ארײן.

זײ לאכן, קאפריזן זיך, וויצלען זיך, הוליען
אזוי ווי דאָס לעבן קײן פײן וואלט געהאט
זײ טוליען זיך, שעפטשען זיך צערטלאכע סודות
וואס פילען דען הערצער וואס זײנען נאר זאט ? . . .

עס שמײכלען אראָפּ די עלעקטרישע לעמפלאך,
אויף ברײט־דעקאלטירטע און אפענע בריסט.
די רויטע באשלאגענע בענק ווערן רויטער,
ווען תאוה איר גיפטיקן האניג צעגיסט.

עס קלאפּן די רעדער און שויבן אזוי ווי
עס וואלט א הוליאנקע געוועזן אין קאר,
עס קלינגט דאָס קאנדוקטארשע גלעקל גאנץ פרײלאך
דאָך גײט א נשמה שטיל אוים דאָ פון צער . . .

עס שטײט דער קאנדוקטאר אלײן אין א ווינקל
און שטיל איז מתפלל פאר זיך אין געהײם :
אָך, די פאסאזשירן וואס לאכן און הוליען,
די קאר זאל זײ ברײנגען בשלום אהײם.

אין נעראנגל — ש. נעפּאם

שוואַרצער סאַמעט

שוואַרצן סאַמעט האָט צעשפּרייט ווער
איבער דעם טייך.
גלימצערן אַ פּאָר לאַמטערנדלאַך
ציטערדיק איבערן וואַסער.

פון געדיכטקייט פון דער שוואַרצער נאַכט
שווימט אַרויס, אילומינירט
מיט רויטע פייערלאַך, די שיף.

דאָס וואַסער שוימט אין שוואַרץ-געהיימער שוואַרצקייט ווייך.
כאַפּט מיך אַרום דער פּחד פון דער שטאָט,
ווייל פון דער ווייטן האָב איך דערהערט דעם רויש.
דאָס האַמערט ווער פאַר מיר דאָרט אויס
די לאַנגע וואָך פון אייזן און פון שטיין.

אָ, קאַפּיטאַן, האַלט אויף די שיף!
עס ווילט זיך מיר צוריק
אין גהינום-גרוב ניט גיין.

קווינס פּאַרק

מיט אָפֿענע רויטע וואונדן
זײַנען די קראַנקע בלומען אויפֿגעשטאַנען קעגן מיר.
זיי האָבן מיך מיט פֿײַערדיקע רייד געמאַניעט,
די זון האָט פֿון דערווײַטן אין אייגנעם כישוף־שפּיל געקוואָלן.

מײַן האַרץ איז אַזוי שוואַך געווען
די פֿיס האָבן זיך געוויגט,
געפֿילט האָב איך אַז איך בין שוין פֿאַרפֿאַלן,
איך בין באַזיגט.

די מיסטערהאַפֿטע שײנקייט,
דאָס האַרמאָניש צויבער־שווײַגן,
קאָלירן פֿון ניט געהערטע טענער,
האָבן געשפּילט מיר אַזוי דין, דין, דין
ביז פֿאַרגיין,
אויסהויכן און שטאַרבן.

כ׳האָב בלויז די דינקייט
קוים, קוים, געקאָנט באַרירן,
און די בלומען האָבן ברייטער נאָך
צעעפֿנט זייערע וואונדן קעגן מיר.
כ׳האָב צווישן זיי אויך מײַנע,
אומהיילבאַרע, דערזען.

אויפן האמבער טייך

דער האמבער טייך האָט הויך געלאכט
מיט זיין זילבערדיק געלעכטער,
גערופן צו דער גאלדענער זון ארויף:
"מער ליכט און פייער, מער פרייד און גליק
דער טאג איז קורץ, דער ווילן שטארק
גיס פון דיין בעכער — זון,
די גאנצע פריידיקייט אין בוזעם מיר אריין.
פארפלייצן וויל איך די גרינע ברעגעס,
די בריקן און די גרעבליעס,
די שטיבעלאך אין טאל.
און זינגען וועל איך הויך מיין ליד
פון ברייטקייט, רוישקייט און קראפט,
אנטקעגן בלויען הימל-בויג.
וויגן וועל איך אין מיין נאסער וויג
די שפיגלדיקע וועלדער,
און הויכע שטאלצע פעלזן,
און טאנצן וועל איך אונטערן שוואונג-מאטיוו
דעם קרייזלדיקן וועלן-טאנץ".

עס טראגן זיך פארביי די קענו-שיפלאך,
ווי פארצייטיגע גאָנדאָלעס מיט אפגעגילדטע שפיצן.
די רודערס פאכן אפ דעם וואסער-זילבער שוים,
און פארלאך, פול מיט גליק,
זיי וויגן זיך אהער און וויגן זיך צוריק.
דער האמבער רונצלט זיך און לאכט:
"איר שטיפערס — ווייסט א מאס,
און הוליעט ניט צופיל,
און רייצט ניט מיינע טיפן.
געלאסן פירט די שיפלאך און די שיפן.
צעבייזערט איר מיין ברוסט —
טו איך זיך גלייך א הויב,
א פאטש מיט מיינע הענט
און אויס . . .
ווער איז דען פון מיין בית עלמין דעם נאסן
א טרוקנער ארויס?". . . .
און ווידער טוט א לאז זיך דער האמבער צו דעם ברעג.

טוט א שטיף צווישן הויכן גרינעם גראָז
און לאזט זיך צוריק מיט אימפעט.
אנטקעגן טראגן זיך די כוואליעס
אין זילבער-ווייסן גלאנץ
און פלעכטן זיך אין שוימענדיקן קראנץ.

באם האמבער ברעג.
די הויכע שטיינערדיקע בערג, די גרויע
אין פליטעס גלייכע אויסגעלייגט,
און ערטערווייז געשניצט ווי פון א קינסטלער-האנט
די גאָטישע קארניזן אויף לופטיקע עסטראדעס,
ווי וואונדערלאכע רומישע פארצייטיקע באלקאנען.

אויף שפיצן בערג אין גרינעם זיידנס געהילט
די דרעמלענדיקע וועלדלאך.
פון צייט צו צייט טוט זיך אהויב דער האמבער
און מיט א קלינגענדיקן וואסער-פראל
רופט ער די בערג אראפ צו זיך אין זיינע טיפן :
״פארשטיינערטע און שטאלצע פרימיטיווע בערג —
וואס שטייט איר און איר שווייגט
אראפ פון אייערע הויכן ? —
צו מיר אין ווילדן שפיל לאזט זיך אראפ,
קומט שפרינגען, זינגען, רוישן —
א וועלט מיט פרייד, א וועלד מיט גליק״.
דער עכא טראגט פון וויטן
דורך בלויער לופט
די הערלאכע — די האמבער בערג מוזיק.

דער האמבער טייך האָט ווילד געלאכט,
גערופן האָט ער צו די ווייסע פייגל,
וואס דרייען זיך אין ווירבלענדיקן קרייז,
אנטקעגן זאפראן-רויט און בלויען דעק פון האָריזאנט :
״איר פויגלען פול מיט לוסט,
קומט זעצט זיך אויף מיין ברוסט״.

א בוים פון היכן בארג פארגלוסט זיך האָט א קוק טאָן
אויפן גרינעם וואסער שפּיל
פון האמבער.
און אויסגעבויגן האָט זיין ברייט געלאקטן קאפּ,
און בא די ווארצלען איז געבליבן היינגען.
דערזען האָט ער טויזנט גליקן אויף אַמאָל.
צוריק אָבער זיין קאָפּ
האָט ער שוין אפּווענדן ניט געקאָנט.

און ווען א שווארצע האנט פארמעקט די פארבן פון דעם טאג,
און אויסגעמאטערט פון פיל פרייד,
דער האמבער נעמט די שווארצע טרוימען שפּינען —
הערט זיך פון בארג אראפּ,
א וויינענדיקע שטים.
דאָס קלאגט דער בוים פארהילט אין שווארצע שרעקן.
פארפאלן, קיין רחמנות וועט ער ניט דערוועקן,
פארלארן היינגט דער קאפּ איבער האמבער מיד —
דער האמבער זינגט אים זיין מיסטעריעז ליד.

אין קאר באַרן

עס קלינגען אין קאר-באַרן מיט אומעטיק קלאַנג
טראַמווייען וואָס שוועבן ווי שדים אין נאַכט;
מיין מאַטאָרמאַן דרעמלט צעשפּרייט אויף אַ באַנק
און איך האָב זיך עפּעס אין פענצטער פאַרטראַכט.

באַגינען אין וואַרט-זאַל ס'איז ליכטיק אַזוי,
קאָנדוקטאָרן וואַרטן און דרעמלען ביים טיש,
עס רויטלט זיך שוין אין דעם פּראַסטיקן גרוי
און טאָגן און שיינען הויבט אַן וואו ניט איז.

וואָס מאַטערט עס טיף אין מיין ברוסט אַזוי שאַרף,
צי דען בין איך נאָך ניט צום אומרו געוואוינט?
עי, פּוסטע געפילן, פאַרוואַרף זיי, פאַרוואַרף!
צו וואָס האָט זיך טראַכטן אין גאַנצן געלוינט?!

מיין מאַטאָרמאַן רוקט זיך צו מיר אַזוי צו,
און נעמט מיך אַרום און ער דריקט, מאַכט אַ שפּאַס,
איך רייס זיך פון אים, זאָג: „עי, לאָז מיך צורו!"
איין זאָרג האָט פאַרניכט דעם צוויי-גלויביקן האַס.

דער קלונג פון דער באַרן — ער רופט, און ער רופט
מיר לויפן פאַרצווייפלט, טראַמוויי שטייט שוין גרייט,
דעם מאַטאָרמאַנ'ס קלונג האָט צעריסן די לופט,
מיין האַרץ האָט צעציטערט אַ בלוטיקע פרייד.

גראַנד טאַווערן

(פּאַריז)

באַ גלעזער ביר, מיט ווייסן שוים,
דאָס ביר הויז שיינט מיט רויטן פלאַם.
אָרקעסטער שפּילט בעטהאָווענ׳ס מאַרש
אַ וואָרעם טאַטשעט מיר מיין האַרץ.

נו, קעלנער, פיל די גלעזער אָן!
מיין גאַנץ פאַרמעג שטעל איך אין קאַן,
חברים, טרינקט ס׳איז אונזע שעה,
דער היינט איז מאָרגן מער ניטאָ.

דאָס לעבן איז דער ווייסער שוים,
ס׳פאַרצערט דאָס לעבן אונזער פלאַם —
אין גראַנד טאַווערן באַם רויטן שיין
מיין ווייטיק דרעמלט לאַנגזאַם איין.

פראנצויזקע און פראנצויז

„וואָי וואָי מאסיע" — "סעיסא מאדאם".
אין מיטן פארק שפריצט דער פאנטאַן.
די נאכט זיפט בלויען שטויב־קריסטאל.
באהאלטן זינגט דער ראסיניאל.

„מיניאָן", זאגט ער, קושט אירע האָר,
זי שעפטשעט "שער' ביזט מיין אמור",
ער שלינגט איר יעדן שארפן בליק,
א קוש פארזיגלט זייער גליק.

זי זאגט „מאָן שער עס איז ניט פרי".
עס זינגט ווער „פראנס סע מאָ פעאי".
לבנה ווייך ווארפט רויז נאך רויז
אויף דער פראנצויזקע און פראצויז.

צום רויטן אויפגאנג

צום רויטן אויפגאנג

צום רויטן אויפגאנג, צום וואונדערלאכן בלענד,
שפּיזיק האָב איך אָנגעשארפט די אויגן ;
מיין הארץ א פייערל א זינגעדיקס געברענט,
און זיבן תמוז-זונען מיט פלאמיקן פארנעם,
מיט שטראליקן געפלעכט, געגאסן האָבן
האפנונגס-ליכט.

א ריזיקע ארמיי פון קינדער, פרויען, מענער,
פון פעלז צו פעלז, פון ים צו ים,
דורך בלוטיק פליסנדיקע וועגן,
פארשוואלענע די פיס, צעריסענע די הענט,
דאָך אויגן מיט א טיפן וואונדערלאכן בלענד.
אין הארצן נייע פונקן-גלויבן.
שפּיזיך אלע אויגן,
צום רויטן אויפגאנג!

צוריק די בריקן — אלע שוין פארברענט.
א כח טרייבט פאראויס
מיט רויט-אינפערנא-ריטער.
דאָס אלטע פאראורטיילט, דאָס נייע איז געקרוינט
און אלע הערצער אינסטינקטיוו צום שטארקן מאגנעט ציען —
צום רויטן אויפגאנג.

מיין הימן פאר זיי

(דער נייער רוסלאנד)

צעבראכן האָבן זיי דעם פעסטן גדר
געמאכט דאָס לעבן פריי פון אלע צאמן ;
דערגרונטעוועט די טיפסטע פון די טיפן,
דערגרייכט די זון מיט אירע שארפסטע פלאמען.

פארגאפטע גאפן מיט אויגן ווילד צעגלאצטע
דער ציגל צעמענט מיט בלוט איז דורכגעקנאטן,
שטייט אויף דאָס לאנד אין הערלאכע לעגענדעס —
דער מינדסטער צווייפל איז שוין לאנג פארשאטן.

דאָס נייע-מענטשנקינד, קומט פון גאלדענע ווייטן,
רעדט צו דער גאנצער וועלט, דעם פארהאנג ברייט פאריסן,
ווער עס טוט א קוק אין זיינע קלארע אויגן
ווערט אנגעשטעקט מיט ליכטיקייט און וויסן.

הויבט אויף דער וואגלער זיינע קראנקע אויגן.
ארום איז נאכט, א נאכט וואס לאזט ניט שלאפן,
דאָך פון דערווייטן בלענדעט דורך און כישופ׳ט —
דער וועג צום לאנד פון די פריי געווארענע שקלאפן.

אין פלאמען

אין פלאמען איז מיין הויז,
עס לאכט די זון און בלענדט,
מיין טיש איז פורפור רויט
און גאלדיק רויט די ווענט.

עס כאפּט זיך אָן פון פלאם,
מיין קלייד, מיין הארץ, מיין קאפּ,
די רויטע פייער־פרייד —
זי ברענט און לאזט ניט אפּ.

טוט פלוצלונג זיך א הויב
וואס איז געשלאפן לאנג,
פארזיגלט אין מיין ברוסט
א פלאמיקער פארלאנג.

איך שפּרינג ארום אויף גיך
מיט פלאמען אין די הענט,
און צינד די גאסן און
די פענצטער און די ווענט.

זאל ברענען אלץ ארום
זאל טבל'ן זיך אין פלאם!
זאל ווערן פון מיין וועלט
א קאכעדיקער ים!

די רויטע פלאמען ליכט
זיך טראגן מיט א וואוט,
דאָס לעצטע ווערט פארברענט
און ווילדער פליסט מיין בלוט.

דער טריאומף צוג

דריי ווילדע פערד מיט ווייסע פליגל,
די פיס געהויבן אין גאלאפ,
און אויף דעם רייטוואגן אין פלאמען,
דער ריטער מוטיק הויבט זיין קאפ.

אין סאמעט-בלוי, אין שניי באזילבערט,
דער קופאל היינגט אין זונען גלאנץ,
דעם ריטער׳ס אויגן — פייער פונקען
און אויף זיין קאפ א זיגער׳ס קראנץ.

די געטער פון דעם נעכטן ליגן
צעשמעטערט פון דעם צוג אויף ד׳ערד ;
דער ריטער יאגט, די פליגל וואקסן,
עס גאלאפירן ווילד די פערד.

די אלטע וועלט, זי ליגט אין חורבות,
נאטור זיך צאפלט אין געבורט,
א שטימע קלינגט : „נאר דער וואס ארבעט
געניסן וועט פון לעבנ׳ס פרוכט״.

דריי ווילדע פערד מיט ווייסע פליגל,
די פיס געהויבן אין גאלאפ,
און אויף דעם רייטוואגן אין פלאמען,
דער ריטער מוטיק הויבט זיין קאפ.

דער גייסט

דער בייזער אומרו שארפט די ציין אין בייסיקער נקמה.
די רינגען רייסט דער אונטעריאכטער דרייסט
ווי פאנטאם־רויט צו הימל, זון לבנה —
פארמעסט זיך גרויס דער אויפגעוועקטער גייסט.

דער הארבסט איז גרויזאם, נאך גרויזאמער דאָס לעבן,
און גרויזאמער פון ביידן אין די נויט.
און אלץ וואס דריקט און האָט געדריקט דעמאניש
פאראורטיילט איז צום טויט.

פון איבערפלוס, פון צופיל פרייד און לוקסוס
האָט וואקכאנאליש א פוילונג זיך פארשפרייט
דער האס הויבט אויף זיין צארנדיק שטים
מיט שטאלענע טריט, ער גייט, ער קומט, און גייט.

און ניט מיט ווייכקייט, מיט צערטלדיקער פרומקייט,
נאר פיין פאר פיין, שרעק פאר שרעק און גרויל !
דער הונגער, צארן, צער און אונטעריאכונג
האָט בעסטיאליש צעעפנט ברייט דאָס מויל.

עס קלינגען פענסטער, עס שאקלען זיך די מויערן —
די רינגען רייסט פון קייט דער אונטעריאכטער דרייסט,
מיט רויטע פליגל איבער די טעמפלען־הויכן,
פון גאלד און וואוילטאג, צעשפרייט דער גייסט, די שרעקן
פון אויפגעוועקטן גייסט.

דער געזאנג פון די הענט מוסקוליסטע

דער געזאנג פון די הענט מוסקוליסטע
פארקלינגען פון פעקטרי די ווענט.
פאר פרייד האָט דער דאמפער זיך שטארקער
אין פלאמיקער רויטקייט צעברענט.

דער געזאנג איז א הייסער און ווילדער,
וואס עגבערט און שמעלצט און ער שמידט,
דאָס האָבן די הענט מוסקוליסטע
געשאפן דאָס ברויזנדע ליד.

קלאפט העפטיקער, ווילדער און שטארקער !
דער רויש פון דינאמא באפעלט ;
מיר בויען פון אָנהויב ביז ענדע,
א ריין־פּראלעטארישע וועלט.

דער געזאנג פון די הענט מוסקוליסטע
מיט גייסטיקע פונקען געבלענדט,
פאר פרייד האָט דער דאמפער זיך שטארקער
אין פלאמיקער רויטקייט צעברענט.

פאר דיינע שוועלן

דעם שטויב פון מיינע הענט און פיס
אפטרייסלען וועל איך פאר דיינע שוועלן ; —
מיין לאנג געוואונשטער טאג,
אטעם פון מיין לעבן.

אן אנדערער וועל איך אריין
אין היכל פון דער צוקונפט,
מיט א דורכגעבלענדטער נשמה,
וואס וועט די גאנצע וועלט אין זיך פאריינען.
ווייס אויסגעבערענט האָב איך דאָס אומריינע, דאָס גאליקע,
און אויסגעקלאגט די פינצטערקייט—
און קלאָר
זיך צו דיין הויך דערהויבן.

די טעג פארגאנגענע,
זיי וואלגערן זיך ווי שפילצייגן פאר מיינע פיס.
איך האָב דערפילט דאָס גרויסע מענטשלאכע אין זיך,
און נאך דעם הארבסט מיט ווייענדיקע בלעטער,
דעם ווינטער מיט קאלטע, שארפע נעגל,
בין איך ארויס א דורכגעבלענדטער.
אן אנדערער וועל איך אריין אין היכל
פון דיין צוקונפט.

אפגענארטע

ס'איז פרעמד צו דיר געלעגן יענער וועג
און זייער ווייט געשטאנען איז זיין טויער ;
דאָס ווארט האָט ניט געטראָפן צו דיין הארץ,
דאָס לעבן דיינס געוועזן איז אין טרויער.

מיט בלינדקייט און מיט שרעקנדיקע טריט
אויף טרעף פאר פריסטער, אפגעטער, אלטארן,
געקניט האָסטו פאר זיי אין דיין עקסטאז
געקושט דעם שטויב פון הייליקע בארבארן.

נאר פלוצלונג האָט א וואונדער אויפגעבליצט,
פארצויגן איבער לענדער גראנדיעזע,
אנטפלעקט האָט זיך א נייער רויטער וועג,
אנטבלויזט האָט זיך דאָס ווארט, דאָס מיסטעריעזע.

און הורדעס מיד־פארפאלגטע, אפגענארט
אזוי ווי איך און דו מיט ווילדסטו שטעמער,
געווארפן האָבן זיך צום נייעם וועג
צעבראכן די מזבחות און די געטער.

פאַרן שטורם

צינדן עברג אין דער הויכקייט קעגן אויפגאַנג די קעפּ,
רוישן וועלדער באַגינען מיט ווירבל געזאַנג ;
הערצער וואַכן מיט קאַמף אין פלאַמיקן דראַנג,
און אויגן צעבליצן, וואָס האָבן קיין שרעק.

ברויזן ימים אַנטקעגן דעם וואָלקן־געבוי,
קאַכן טייכן, פאַרפלייצן, און אַלעם ווערט צעשטערט,
צופוסן ליגט קראַנק און פאַרבלוטיקט די ערד
און זינקט אין איר נישטיקן שטויביקן גרוי.

שטורמען ווילדע חילות מיט ווייטיק צעגרוילט,
און דערמונטערט די כחות מיט בליציקן בלענד.
בינדן הענט זיך פאַנאַנדער, פאַרבלוטיקטע הענט,
וואָס זיינען געוועזן אין קייטן געקנוילט.

בלאָזן שטורעמס אַריין מיט אַ ברענענדן דראַנג,
אין דער שרעקלאַכער פּוסטקייט, אין גרוי פון דער נויט,
דערשרעקט זיך אַפילו דער גרויזאַמער טויט
פאַר די ריזיקע טריט, פאַר דער נייקייט פון גאַנג.

דאס ליד פון משוגעת

איך עפן אויף מיין הארץ פאר דיר, —
געפינסטו ווייַן, טרינק אויס ביז'ן דעק.
פאר'שכור זיך, ווי איך אמאָל,
אין שווארצע נעכט, אין קאלטע טעג,
ביז משוגעת.

און חלום אויס דיין אייגענע וועלט,
אן אייגענע וועלט — דאָס ווילדע ליד
וואס דיר געפעלט,
וואס האָט זיך אין דיין מארך צעבליט.

איך שפיי מיט גאל אויף אלץ אראפ,
וואס גרויסט זיך פון דעם מיסט ארויס,
און שטעלט אנקעגן זיך דעם ים,
און וויל די זון פארלעשן.

לאך אויס, לאך אויס די גרויע וועלט,
די טעג וואס גייען דיר פארביי,
ווען דו בלייבסט אפגענארט פון זיי.
און זינג ארויס דיין ווילדע ליד,
דאָס ליד, דאָס שטארקע פון דיין וועלט,
און פון דיין מארך דאָס משוגעת.

דער אייביקער וועג

א קלארער ווייסער וועג,
ווי מירמל שטיין.
גיב מיר דיין האַנט,
מיר וועלן גיין,
מיר וועלן גיין.

און וועט א טראפּן בלוט
ווען פאלן אויף א שטיין
פון אונזער הארץ —
בלייבן מיר ניט שטיין,
מיר וועלן ווייטער גיין,
מיר וועלן ווייטער גיין.

און קומט דער שטורם-ווינט,
און ברעכט אונז בײדע איין,
ניט שרעק זיך פאר דעם ווארט:
"ניט זיין".
עס ציען זיך נאך אונז
די לאנגע קעמפער רייען, —
די אייביקייט גייט נאך,
זי וועט ניט בלייבן שטיין.

אויפן ברייטן וועג

איך פיל זיך היינט אז איך בין אויך דער איינער,
וואס גייט דאָס נייע מיטן ברייטן הארץ עמפאנגען,
איך ווער בארוישט פון יונגע־כאר געזאנגען,
איך ווער געלייטערט הערלאכער און ריינער.

עס ווערט דער גאנג אלץ מוטיקער און שענער,
פון אלע זייטן קומען כחות נייע,
נייע כחות אויף וועגן ברייטע, פרייע.
איבער קעפ זיך וויגן רויטע פענער.

איז אויפגעשטאנען דער ריז פון זיין געלעגער,
זיך אויסגעריבן מיט זונען ליכט די אויגן,
פארגלייכט דעם רוקן, דאָס הארץ איז פול מיט גלויבן.
אברום געטאן צו מזרח, מערב, דרום —
די גאנצע ערד האָט זיך א וויג געגעבן,
זיך אויפגעהויבן האָט א ווילדער שטורם.

צווישן אייך

צווישן אייך בין איך דאָך יעדן טאג,
צערייצט און בייז אויף יעדן שריט און טריט.
דער אמת ברענט, דער ג׳ווישן פלאמט און בריט
ווייל יעדן טאג ווערט גרעסער דער באטרוג.

פארכאפט דאָס פעטס, דאָס גאלד, דאָס שקלאפן־בלוט,
זיך אויפגעזעצט אליין אויף הויכן שטול ;
ארומגערינגלט מיט וועכטער אן א צאל,
און שרעקן וועלט מיט בלוט און מבול־וואוט.

נו, פרעג איך אייך, ווי לאנג געדולדיק זיין ?
אן אָקם געשפאנט צעברעכט דאָך אויך זיין שפאן,
א ברויזיק הארץ שלאפט קיין מאָל דאך ניט איין.
און אויב מיר איז באשערט מיט אייך צו זיין,
וויל איך צעצינדן די הערצער מיט מיין פלאם,
איר זאלט די וועלט דערזען אין רויטן שיין.

פארברעכער פון מיין וועלט

וואלט איך געקאנט זיך אפרייסן פון אייך,
אליין אוועק, ניט א קוק געבן צוריק,
מיט מיין פארגיפטעט הארץ און פייכטן בליק
פארגיין אין אויר מיטן וואלקן גלייך.

וואלט איך געקאנט פארגעסן זיך אמאל,
באגראבן טיף מיין אומצוטרוי צו אייך,
דעם טייוול קוקן אין זיין פרצוף גלייך
און בלוטיק לאכן פריידיק אויפן קול.

נאר, ניין ! איך קאן דאָס ניט, כ׳וועל ליבערשט אזוי בלאס
מיט קריינקעניש דורך מוטנע טעג און נעכט,
צעצינדן אין מיין הארץ מיין ווילדן האס,
וועל ענדלאך קרייציגן די פארברעכער פון מיין וועלט,
פאר יעדן מענטשן־פריינט אויף דער צעשפרייטער גאס.

אומצופרידנקייט

ווי א שווארצער שלאנג האָט זיך די אומצופרידנקייט
ארומגעוויקלט ארום מיין נשמה.
דער זייגער ציילט די מינוטן, שעה'ן, און טעג און נעכט.
אנטקעגן בייטן זיך די פארבן
און ווערן דערטרונקען מיט מיינע טעג.
בין איך ניט קראנק ?
צי אפשר נאגט א קאפריז מיין הארץ,
פיליכט וואלט איך מיין לעבן
אין גאנצן גאר געענדערט ?
נאר אלע וואס רינגלען מיך ארום
קוקן אוים פינקטלאך אזוי ווי איך.

פירות און א פריילאכער ווארימקייט געבוירן,
פרוכטן אונטער א גלעזערנעם דאך,
אנשטאט א זון — ווארימע אויוועלאך
וואו נעמט מען כחות.
וואלט איך דעם דאך צעשמעטערט,
און איינמאָל כאטש אן אטעם געטאן
מיט א פרייען ברייטן הימל.

צום שמיד

שמיד אוים, מעכטיקער שמיד,
ווען דיין פייער זיך גליט,
זאל דיין יעטווידער קלאַפּ,
זיין א שטורם־געברויז.
האמער פלאמענד מיין ברוסט
מיט דיין לויטערן זין,
זאל דיין הארץ זיך ניט וויגן
אהער און אהין.

שמיד אוים, קרעפטיקער שמיד,
ווען דאָס פייער זיך גליט,
מיינע הענט פון דיין שטאָל,
מיינע הענט פול מיט זיג.
וועל איך גרייכן די זון
וואָס זי טויטעט די נאכט,
זאל קיין קראפט אויף דער וועלט
זי ניט רויבן צוריק.

שמיד אוים, שטארקער שמיד,
ווען דיין פייער צעגליט,
מיינע פיס פון דיין בראָנז,
מיינע פיס אזוי גרוים,
איך זאל שפרייזן אריבער
דעם שימל פון צייט,
צו דעם ברעג וואו א וועלט
שפרייט א נייע זיך אוים.

שמיד אוים, שטארקער שמיד,
ווען דיין פייער צעגליט.

דיין קראפט

הויך גיגאנטיש אויסגעוואקסן
ביזסטו גלייך פאר מיינע אויגן
אין דיין געטער־קראפט פון שאפן
האָב איך באלד געגומען גלויבן.

אין דיין דונערדיקע שטימע,
וואס איז פלאמיק־הייס פארביטערט,
האָט דיין אמת,א פארשעמטער,
ווי א שטורמווינט געציטערט.

האָסט צעבראכן אלע צאמען
ביזט די גרענעצן אריבער,
און דיין מאכטיקער עקשנות
האָט געציטערט ווי אין פיבער.

ס׳האָט די לופט ארום געקלונגען,
ביזט געוואקסן פאר די אויגן.
כ׳האָב דיין גרויסקייט דאן פארשטאנען
כ׳האָב מיין קאפ פאר דיר געבויגן.

דער אנזאגער

פון קיינעם ניט באמערקט
דורך שטעט, דורך וועלדער און דורך ימים,
און יעדער פילט,
און פילט דאָס אזוי טיף, און אייגן.

פון קיינעם ניט געטראכט,
ניט אויסגעטראכט, ניט אויסגעפּרעסט פון מוח,
און אומרואיק קלאַפּט דאָס הארץ,
און גארט,
און מאָלט זיך עפּעס אוים אין דמיון . . .

אינמיטן פון דער שווארצער צייט
ווען עס שטיקט דעם תליונ׳ס שטריק,
אינמיטן פון דער בלינדקייט,
ביים לעצטן שאָטן פון דער נאכטקייט,
הויבט ער זיך איבער אלע קעפּ
א פייער זייל, ער שיפּעט און קאָכט און ברומט
ברעכט דורך די שווארצע לופט,
רופט אוים : זייט גרייט,
דער נייער מארגן
דער נייער מארגן קומט !

שרעק ניט מיין האַרץ

שרעק ניט מיין האַרץ,
און ניט ציטער מיין האַנט,
דער וועג איז אַ רויטער
צום רואיקן לאַנד.

אין איינציקער וועג בלויז
פון שוואַרצע געשטאַלטן,
אין חושך פון נאַכט
פון מורא באַוואַכט.

ניט פרעג וואָס די ענדע,
ניט פרעג אויפן ציל, —
דאָס איז נאָר פון טויט
און פון לעבן דער שפּיל.

דער טראָט איז אומזיכער
דער וועג איז ניט ווייט,
ניט ציטער מיין האַרץ
פאַר דער ענד, פאַר דער צייט.

אַ שפּיי

אויסגעפּלעקט די קילע הוילקייט,
שטויביק איז דער טאג געשטאנען;
ניט פאַרענדיקט איז די ווייטקייט
אין איר גרוי־געוועב געלעגן.

איינגעקייטעלטע ווי פרעמדע
האָבן זיך די ווענט געוואונדערט,
פון די מויערן און הייזער
אין דער וועלט אַריינגעקוקט.

נאַריש האָט דער קלויסטער צלם
אויף דער וועלט געגלאצט אַ הוילער,
האָט די גאַס זיך ווי געשראָקן
פאַר די וויסטע מענטשן־רייד.

אויף אַ שטיקל ברויט אַ טונקלס
האָבן זיך באַזעצט די ווערים,
רייסן איינער פון דעם צווייטן
ברעקלאַך, שטיקלאַך פון דעם מויל.

רוק איך אָן איבער די אויגן
ס׳היטל מיטן שוואַרצן דאַשעק,
טו אַ קוק הינטער די פּלייצעס
טו אַ שפּיי אויף דער גאַנצער וועלט . . .

מיין גורל

מיין גורל ליגט אין פרעמדע, קארגע הענט ;
מיין בלוטיק ווארט פאלט צו צו טויבע טירן ;
מיין הארץ איז ניט צום ערשטן מאָל געשענדט
און ניט צום לעצטן זויגן די וואמפירן.

מיין וויטיק פויקט און רופט דורך שווארצע נעכט
ניטא פון זויפער קיין מילדערקייט דערווארטן ;
דעם מאָנסטער׳ס שווערד פארבלוטיקט גלאנצט פארויס
די גאנצע וועלט פארוואנדלט האָט אין שלאכטן.

פארשלאסן פעסט די שטייג דריקט ארום מיר ;
פון וויטן הער די ארגיעס פון די געצן,
מאגנאטן וועטן אויף פערד אין מענטשבלוט
און יעדער זיפץ געהיט ווערט פון געזעצן.

מיר טוט ניט ווי פאר אייך באשפיגענע
פון מענטשנוועזן א שאטן איז געוואָרן,
נאר וויל עס פלאצט בא אייך ניט די געדולך,
דארום שטייגט אויף מיין פייערדיקער צארן.

עס לאקט מיין הארץ דאָס פאלק וואס האָט דערוואכט,
בארואיקט האָט זיין אייגענעם געוויסן,
און יובל׳דיקן אבפרייט עס זיך פון קנוט,
די אייגנע שטייג, די שטאלענע צרייסן

מיין גורל ליגט אין פרעמדע קארגע הענט
מיין בלוטיק ווארט פאלט צו צו טויבע טירן,
ניט לאנג וועט איר נאך יוב׳לען אויף מיין פיין,
אויך אייער טאג קומט, בלוטיקע וואמפירן.

סקעלעטן-טאַנץ

בלויז די ביינער פון סקעלעטן
אָן געפילן, אָן געדאנקען
האָבן זיך צעטאנצט מיט פייער
הארט בא דעם בית-עולם פלאנקען.

און די כלי-זמר הילכיק שפילן
ס'איז א מענטשן-האלז, דער פייפל,
סטרונעס — אדערן פון טויטע,
און א פויק — א קינדער בייכל.

און עס גרילצן, און עס קנאקן
צו דעם טאקט די בלויזע ביינער,
ווינקען מיט די אויגן-לעכער,
קריצן מיט די לאנגע ציינער.

מענטשן שארבנס — זיינען בעכער,
בלוט איז וולאוועל, טרינקט מען פיל,
אויסגעמישט אין אלע שפראכן
זינגט מען לידער אויך באם שפיל.

רויכיק איז ווי אין א קוזניע,
ליולקעס — ביקסן, טאבאק — קוילן,
און עס טאנצן די סקעלעטן,
דרייען זיך צונויף אין קנוילן.

שניט צייט

שווערדן קלינגען, קוילען קנאַלן,
רויט דער מזרח ציגנטער פלאַם,
און די שטאָלצע זאַנגען פאַלן,
ברעכן זיך פון מענטשן־שטאַם.

ברייט דאָס פעלד איז רויט געפאַרבן,
שניידן שניטער גלייך און גוט,
בעט זיך ציטערדיק א קרבן,
"לאָז נאָך לעבן איין מינוט!"

נאָר דער שניטער וויל ניט הערן,
הילכיק איז דער שווערדן קלאַנג;
בלאָס איז בלוט און שוואַך די טרערן
אין דער צייט פון אונטערגאַנג.

ס'ברענט די אַרבעט און זי פלאַקערט.
„רו א ווײַלע, שניטער, אוים,
ניט געזייט און ניט געאַקערט,
די גערעטעניש איז גרוים".

„רוען וועט מיר ניט פאַרפעלן,
ווינטער קומט מיט שניי און קעלט,
כ'וועל באַם אויוון שטיל דערציילן
מײַנע אייניקלאַך פון פעלד".

ס'האָבן זאַנגען שטיל געציטערט
און געבעטן זיך מיט שרעק: —
„אונזער מזל איז פאַרביטערט,
נעם דאָס לעבן ניט אַוועק!"

„ניין! מײַן מעסער האָט געקלונגען
ניין, גענוג! איר מוזט פאַרגיין!"
און איך פרײַלאַך האָב געזונגען,
זיי — געפאַלן זײַנען שיין...

גאָטס באַפעלן זאָלט איר היטן,
כחות גיט ער פון א העלד,
איך אַליין האָב אויסגעשניטן
אַלע זאַנגען פון דעם פעלד.

צו מיין קינד

די וועלט איז גרויס, די וועלט איז שיין —
פאַר מיר און דיר איז זי צו קליין.

פאַר מיר און דיר, מיין קינד, מיין קרוין,
דאָס לעבן מיאוס איז, געמיין.

דו פרעגסט „וואָרום ?" ניט פרעג, ניט פרעג,
דאָס לעבן האָט פאַר אונז קיין שטעג

קיין גלייכן וועג, רק באַרג און טאָל,
און דערנער, דערנער אָן צאָל.

מיר טרעטן אויס און מאַכן גרייט,
א נייעם וועג, גאַנץ גלאַט און ברייט.

די גאַנצע מענטשהייט, גרויס און קליין,
דורך דיזן וועג וועט מוזן גיין.

נור מיר, מיין קינד, דורך נויט און פיין,
אין יענעם טאָג וועלן שוין ניט זיין.

פרידן

קריסטן איר פרומע, באקראנצט אייך מיט בלומען,
לאזט קלינגען די גלעקער בטאג און בּאנאכט,
ווייל יעזוס אויף דר׳ערד איז פון הימל געקומען,
האָט ליבע און פרידן דער מענטשהייט געבראכט.

אין קריסטלאכע וועלטן הערשט ליבע און פרידן,
דער גלויבן — א הייליק באצויבערטער טרוים,
„ווארום פון דער ווייטן, פאר׳עקשנ׳טע אידן ? —
געניסן קומט אויך גוטע פרוכטן פון בוים״.

אין הימל זיצט קריסטוס, אין הימל, דעם העלן,
ארום אים מלאכים, אין בלענדנדער פראכט.
איז אפשר אין הימל א מאנגל אין זעלן,
דארום האָט דאָ קריסטוס מלחמות געמאכט ? . . .

דארום, אפשר, פאלן די מענטשן אין פעלדער,
און טרינקען מיט בלוט אָן די זינדיקע ערד,
פארברענען די שטעט און די דערפער און וועלדער,
פארוויסטן דאָס שענסטע מיט קוילן און שווערד.

עס וויינען יתומים, עס קלאגן אלמנות,
און כלות און מאמעס דערשלאגן פון פיין,
און דארטן פון אויבן זיצט גאט פון רחמנות
עס שעפטשען די פריסטער : „עס מוז אזוי זיין״.

איך שטיי פון דער ווייטן, מיין הארץ ווערט צעשמאלצן :
ווי איידל דער גלויבן, די מענטשהייט באזעלט.
איך קוק אויף דעם צלם, דעם הייליקן, שטאלצן :
„נאטור, שיק א דונער, פארברען אזא וועלט ! ״

טרינק ליד

אויסגעטרונקען, האלב פארטרונקען,
שפיל אויף דער באנדורע.
רויטע באקן, שיינע מיידן,
אויגן גרויסע, קלארע.

טאנץ א טרופאקע מיר, מיידל,
קלאפ מיט די אפצאסן,
אפשר וועלן מיינע צרות
אין דער נאכט פארבלאסן.

נאך א גלעזל, ניט געקארגט מיר,
שיינקער, דו געניטער,
ס'איז מיין לעבן דאָך במילא
אזוי שווארץ און ביטער.

כ'האָב א לעבן אויך געהאט ווען —
האָט דאָס מיך פאראטן,
ס'האָט די רייכע וועלט דאָס ענדלאך
מיט די פיס צעטראטן.

גיס אָן, שיינקער, פרעג ניט וויפיל,
כ'שלעפ דעם יאָך, דעם שווערן,
די וואמפירן פון מיר זויגן,
קאָנען זאט ניט ווערן.

גיס אָן, גיס אָן, פרעג ניט וויפיל
ס'איז מיין וועלט פארלארן
זאל זיך כאטש פאנאנדערגליען
אין מיין הארץ דער צארן.

א געשריי טאן וועל איך מאכטיק
פון מיין הארץ ביז טרערן,
זאלן זיי פארציטערט ווערן
דאָרט — די רייכע הערן.

אויסגעטרונקען, האלב פארטרונקען
שפיל אויף די באנדורע,
רויטע באקן, שיינע מיידן,
אויגן גרויסע, קלארע.

דער וואַגאַבונד

אין מיטן נאַכט, אונטערן הויכן בריק,
פון ווייטן הער איך בלויז די באַנען קלאַפּן.
ניטאָ קיין פּעני, כאַטש וואַרג זיך און דערשטיק,
איך הער אַליין מיין גאַרגל׳ס וויסטן כראַפּן.

עי, וואַגאַבונד! דו קעניג פון די נעכט,
שוין ווידער דורשטיק?—דער טייוול זאָל מיך נעמען!
וואָס האָב איך זיך פאַר׳דאַגה׳ט און פאַרקלערט —
דעם דורשט ווי שטילן? נו, זאָל ער מיך פאַרברענען!

וואָס ציטערט איר, צעקאַרבטע גרויסע פיס,
דו הונגער-מויל, — מיט וואָס דיין לאָך פאַרשטאָפּן?
אַ חלום וועט ווי אַפּיום גיסן זיס
לבנה׳ס ליכט באַשטראַלן מיין צוקאָפּנס.

ס׳איז קאַלט אַזוי, ניטאָ קיין דאַך, קיין ווענט,
אָבער ס׳איז פריי. קיין גראַטעס און קיין שלעסער.
דער וועכטער היט ניט. און פריי זיינען די הענט,
עס וואַקסט מיין פרייד אין האַרצן גרויס, און גרעסער.

דו בייזע חיה מיט שקריענדיקע ציין, —
דו קומסט שוין ווידער שניידן די געדערים?
די גרויסע וועלט פאַר זיך האָב איך דערזען,
מיט עקלדיקע, קריכנדיקע ווערים.

ס׳איז מיינס—שרייט יעדער—מיין הויז, מיין לאַנד, מיין וועלט.
נאָר איך, געבונדן, קאָן ניט זיין צו קיינעם.
איך האָב קיין שראַנק מיט זילבערדיקע געלט;
דערפאַר שלאָף איך מיט אַ געוויסן, מיט אַ ריינעם.

פאַרמאָג איך בלויז אַ הויט אויף בלויען לייב
און אָדערן וואָס ציטערדיקס אַפּט שפּילן,
איך האָב קיין קינד, קיין רינד, קיין הויז, קיין ווייב,
דערפאַר האָב איך אַ פייערדיקן ווילן.

איז דאָ א טרונק, א ביסן ברויט — איז גוט,
אזונה ווען, וואס דארף מען מער נאך האָבן ?
און אויב דאָס ניט — צום טייוול מיט מיין בלוט !
מיט אלע גלייך, מיך וועט מען אויך באגראבן.

איך שלייך זיך דורך דעםברייטן גאסן-רויש,
דער רייכער פוץ פארברענט די מידע אויגן,
איך גיי פאמעלאך, און קוק מיר גלייך פאראויס
און שטאלץ מיין קאפ — פאר קיינעם ניט געבויגן.

און מאכט זיך עפעס, אזוי אונטערן האנט,
אברויט, א קרויט, מיין הארץ ציט אפט מיט צוואנגען.
אין מח ברענט אזא מין העליש-בראנד,
צי אוים די הענט און אלץ איז צו דערלאנגען.

די וועלט איז ערלאך, איר ליגנערם קליין און גרוים,
ס'איז אלץ דאָך גזלה, פון ארימאן געריסן
די אויסגעפוצטע לײדיק גייען בלויז,
און אויסגעפלעקט שלאפט רואיק דער געוויסן.

עי, וואגאבונד ! דו קעניג פון די נעכט,
שוין ווידער דורשטיק ?—דער טייוול זאל מיך נעמען!
וואס האָב איך זיך פאר'דאגה'ט און פארקלערט
דעם דורשט צו שטילן?—נו, זאל ער מיך פארברענען!

אינהאלט:

	פון	ביז
באם אפענעם פענצטער	7	39
דארן קראנץ	45	72
אינטים	77	105
פעלד פרייד	111	138
אין בלעטער פאל	143	162
אין מיין נייער היים	165	197
צום רויטן אויפגאנג	201	228